STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01540

DI SHPRAKH FUN DAYNE OYGN

Eliahu Rajzman

Permanent preservation of this book was made possible
by Abraham & Molly Small
in memory of
Hyman Small

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו ריזמאַן

די שפּראַך פון דיינע אויגן

אליהו רייזמאַן

די שפּראַך פֿון דיינע אויגן

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1967

E. RAJZMAN

MOWA TWOICH OCZU

Red.: D. SFARD

רעד. — ד. ספאַרד

Okładkę projektował: A. MUSZKA

הילע פּראָיעקטירט — א. מושקאַ

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH", WARSZAWA, UL. NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 6614. Nakład 2200 egz. Druk. ukończono w marcu 1967
.Ark. druk. 12, wyd. 9. Papier druk. sat. III kl. 61 × 86, 80 g.
Druk. P.Z.G. „RSW „Prasa", Warszawa, ul. Al Jerozolimskie 125/127. T-98

*

*　　　*

דעם הייליקן אנדענק
פון די אומגעקומענע ווילנער יידן.

שעה פון דערמאָנונג — אין שטילן פלאַטער
שוועבן נשמות ריין,
מיט פייער אין באָרד שפּאַנט א קדוש אַ טאַטע,
פון גריבער פּאָנאַרער געקומען צוגיין —

פון יאַטקעווער, טראָקער, רודניצקער, זאַוואַלנע —
אַ יונגפרוי, די האָר אין פלאַמיקן קראַנץ,
זי שוועבט איבער חורבות פון יידישן ווילנע —
אַ מרים הנביאה אָן פּויק און אָן טאַנץ —

אין יאָרצייט-ליכט פלאַטערן פלעמעלעך רויטע,
באַוואָרפן מיט שאָטנס די סטעליע און ווענט,
עס דאַכט זיך, דאָס זענען שאָטנס פון טויטע
אויף נאַצישע שייטערס פאַרברענט.

אין קרייזן פון פייער קדושים-געשטאַלטן
ראָמען די ערד איין — אַ טרויער-פּאָרטרעט,
אַ וועלט האָט דעם אָטעם פאַרהאַלטן
אין די שטילקייט זיך פיינלעך צערעדט.

„זאָג נישט קיינמאָל“ — אַ ליד איז געפאַלן,
אַ קדיש אויף בלוטיק-פאַרלאָשענע טעג,
אַ סעפּטעמבער-נאַכט שוועבט דורך שוואַרצע קאַנאַלן
צו די ראַנדן אַוועק.

די פאַרברענטע טויב

די פּאַפּירענע טויב,
וואָס כ'האָב אַמאָל צום הימל געשיקט,
קרייזט אַרום מיר
מיט ווייסע פליגל, ווי דערמלט.

נאָר שטום,
אַזוי שטום.
די שפּאַרבער־צייט
האָט אין איר קעל
דאָס וואָרקען דערשטיקט.

די פּאַפּירענע טויב
פון מיינע פריע יאָרן
איז אַ דערנער־קראַנץ
אויף מיין קאָפּ געוואָרן.

„שובי, שובי השולמית"

צום אָנדענק פון די יידישע טעכטער
אומגעבראַכטע דורך די דייטשישע רוצחים.

איך רוף דיין נאָמען,
נאָר מיין קול
אין חלל ווערט צעשוווּמען.
אפשר אין מדבר שלאָפסטו,
און דורשטיקע זונען
דיין פּנים בריען —
וועק זיך, שוואַרצהאָריקע מלכּה,
אויף דיין פּאַסטוך־שטעקן
ראָזשינקעס און מאַנדלען בליען.

מיין האַרץ צעפּוסנם דיר
אין ווייטיק הויערט,
דיין ליכטיקן בליק
האָט נאַכט נישט געלאָשן —
זאָג מיר דעם סוד פון דיין דויער,
אויף שיר־השירימדיק לשון.

פון דיינע אַלבאַסטערנע אַקסלען
בשמים־ריחות ווינטן צעבלאָזן,
ביסט אין מיר אַריינגעוואַקסן —
ווי קאָן איך דיך, ליבסטע, פאַרלאָזן?

איז אמת,
אַז דו ביסט אין פייער

פאַרברענט נישט געוואָרן?
אַז הערן דיין ציטרע, שולמית,
זאָלן די קלאַנגען
באַבליען מיין איינזאַמען דאָרן.

ווי אַ הינד אין די בערג,
פון מיין אויג
איז דיין שאָטן אַנטרינען,
איך זוך דיינע שפורן,
אַפילו דיין בערגעלע אַש
איך קאָן נישט געפינען. —

שטשעטשין 1962.

אַמאָל

אַמאָל בין איך מיט זון אין האַנט
אין הפקר־לאַנד אַרומגעגאַנגען
און פאַר נאַשוואַרג זי פאַרקויפן געוואָלט
דיינט, ווען זי איז אונטערגעגאַנגען,
האָב איך זי אויף לייוונט פון דמיון
ווידער אויסגעמאָלט.

אַמאָל האָב איך געזוכט
פאַר שערבעלעך גלאַנציקע
די יאָרן מיינע אויסצובריינגען,
היינט זענען זיי אָן ווידערקול
ערגעץ־ווו געבליבן הענגען.

בילע איך אַ יעדע רגע
מיט געדולד פון גראָז, וואָס וואַקסט
אויף דער שנור פון מיין לעבן אַרויף,

און זאָל די לעצטע כאָטש
ווי אַ פייער־סיגנאַל
די צייט פאַרהאַלטן אין איר לויף.

ווען דו קומסט...

ווען דו קומסט מיט א גוט-מאָרגן צו מיין טיר,
ווייל איך, אז קיין שלעכטס ביסטו נישט אויסן,
נאָר דערווייילע טיילט מיך אָפּ פון דיר
א וואַנט — דו בלייבסט אין דרויסן.

ווי לאַנג איך קאָן דיין פּנים נישט זען,
מוז איך אין שלאָף אפילו וואַכן.
נישט וואונדער זיך — עס קאָן אַמאָל געשען,
אז פאַר פריינד מען מוז די טיר פאַרמאַכן.

נישט מיין, איך האָב פאַר מורא זיך פאַרשטעקט —
ציטערנט זענען מיינע טירן ברייטע.
עס האָט אַמאָל פון שלאָף מיך אויפגעוועקט
א בלאָנדזשונג פון א מאָרגנער וועלט א ווייטער.

אויפגעגאַנגען ווי אין חלום איז א פונק,
געבלענדט מיינע אויגן מיט זיין פייער.
דערפילט האָב איך, עס איז פון טויט א וווּנק,
און נישט פון חושך מיינער א באַפרייער.

ווען דו קומסט מיט א גוט-מאָרגן צו מיין טיר —
אלדאָס גוטס אפילו מעגסטו מיינען —
נאָר בלייב דערווייילע אָפּגעטיילט פון מיר,
ביז די זון אליין וועט דיך באַשיינען.

מיין ידיש לשון

איך שרייב אויף דער שפּראַך, וואָס צערטלט מיין אויער
מיט קלאַנגען פון פיינסטער מוזיק;
זי איז מיר די פרייד און די טרייסט אין מיין טרויער,
די לופט פאַר מיין אָטעם, דאָס ליכט פאַר מיין בליק.

מיט איר בין איך דער, וואָס באַשערט מיר צו זיין איז,
און נאָר דורך איר שפּיגל לייטערט זיך מיין וועלט,
זי פילט אָן מיט לעבעדיק בלוט מיינע שורות
פון ליד, וואָס גייט אויף ווי אַ רויז אויפן פעלד.

זי איז אומצעטיילבאַר מיט מיר נאָך פון וויגל,
די זילבן די ערשטע, ווי פערעלעך טוי,
דער מאַמעס אַ טרער און דעם טאַטנס אַ ניגון,
די שוואַרצקייט פון ערד און פון הימל דער בלוי.

מיט איר וויפל שטרויכלונג איך בין אויסגעשטאַנען
דורך נעכטיקע שאָטנס, וואָס גרייכן מיין היינט.
איך שרייב אויף דער שפּראַך, וואָס אין איר איז פאַראַנען,
פאַר שונאים אַ קללה, אַ ברכה פאַר פריינד.

די שפּראַך פון דיינע אויגן

דורך דעם געלאָשענעם בלוי פון דיינע אויגן
הער איך דיינע נישט דערדערטע רייד
און רעד מיט דיר;
דער געוועזענער בליק אין זיי
איז דער גרעסטער אויסגעשריי,
וואָס דערגייט צו מיר.

ווישׁ אָפּ פון דיין פּנים די נישט־דערווײנטע טרער —
זי מאַכט ציטערן די ערד
און קאָן די וועלט פאַרברענען.
צווישן שטערן ביינאַכט,
אין דער טונקעלער שעה פון ערב־טאָג;
באַגינען, אין אויפגעזוניקטן טוי —
איך זוך דיך צו דערקענען.

הייליקע מיינע! —
דער וועג צום גאָלגאָטע־באַרג
איז דורך דיינע טריט מיט בלוט פאַרשריבן;
דיין גוף איז אין שטויב,
האָר איבערן קאָפּ
איז אַ קריינדל פון פייער פאַרבליבן.

דער שפּיגל פון יאָרן
איז מיט אַ פאָרהאַנג פון טרויער נאָך דיר פאַרהאָנגען.
דורך דער פאַרשוווּמענקייט פון צייט
האָסטו דיין אויסזען נישט געענדערט.

מײַנסטו הײסן אַננאַ פֿראַנק,
אָדער מרים —

איך הער נישט דײַן קול,
נאָר פֿון יענער זײַט פֿאַרגאַנג
רעדן צו מיר דײַנע אויגן.

איך זע די לעצטע שעה,
וואָס האָט מיט צעבראָכענע פֿיס דיך באַגלײט
און איבער דײַן אַש זיך אָנגעבויגן.

באַגינען

קומט ווי אַ באָרוועסער פּאַסטוך צוגיין דער באַגין,
אַ פּאַרע גייט אויף פון דער ערד,
און שטראַלן, ווי קאַמען, צעקעמען בעריאָזעווע בערד.
צעפלינגלטע פייגל זיך טראָגן צום הימל אַרויף.
צעקאָפּנם דעם טייך
דער טאָג הויבט פון אַנקער זיך אויף,
דער שפּיגל פון וואַסער, אַמאָל טוט אַ פּעלבל זיך קוים.
דער הימל אַרום מיט רויט איז באַזוימט
קומט דער באַגין ווי אַ באָרוועסער פּאַסטוך צוגיין,
אַ שאָטן אַנטלויפט
און פאַרטונקלט זיך אונטער אַ שטיין.

מיטן טאָג

בלייך, צעבראָסטעט ליגט דער טאָג אין מיטן וועג,
איינגעדעקט מיט שטויב און שטיין צעקאָפּנס,
ראָס פּנים פון דער זון צעשווימט אין פייער טראָפּנס.
אַ גריל אין היי די שטילקייט זעגט.

אין הינער-פּלעט עס ליגט די וועלט און אָטעמט קוים,
אין זיך פאַרדמיונט שטייען סאָסנעס שלאַנקע,
אין הימל בלאָנדזשען וואָלקנדלעך — דעם טאָגס געדאַנקען,
די מוראַשקע, אַ ברעקל שלעפּט פון בוים צו בוים.

אַ טונקל-בלויער הימל ליגט אין טייך פאַרטיפט,
נישט קיין שטערן — אויף אים שיינען ליליעס ווייסע,
יונגער קוסט פון זיידן דעמב הערט אויס אַ מעשה,
אַ מעווע אין דער לופטן צייכנט היעראָגליפן-שריפט —

אויסגעמאַטערט הייבט דער טאָג פון וועג זיך אויף,
לאַנגע שאָטנס אין דער קרום זיין אָרט פאַרנעמען,
איבער לעצטע שעהן-טרעפ ער שטייגט אַרויף
אין נעמט זיך אַ געלאָשענער אין ראַנד פאַרטונקלען.

אָוונט

הויבט אָן די שקיעה פאַרטונקלט צו ווערן,
ביימען זיך אין טייך
די פיש אויף שטערן.

גייט דורך אויף זיין פלאַך אַ פיאָלעטעווער ציטער
און דער הימל אויף אים
ווערט אויף פיצלעך צעשפּליטערט.

אין ביימער באַיאָרטע מיט שוואַרץ-ברוינע שטאַמען
זיך נעמען פאַר די הענט
און טוליען זיך צוזאַמען.

דאָס בלימל אין פעלד זיינע בלעטלעך פאַרמאַכט.
א פלעדערמויז פלאָנטערט
די האָר פון דער נאַכט.

אויף אַ בוים, מיט אַ פליגל אַ קראָ טוט אַ ריר,
און וואָלקנס, ווי גאָלדענע באַרזשעס,
די לבנה שלעפּט אויפן בוקסיר.

אין פֿלאָנטער פֿון וועלט

איך הער די קולות דיינע פֿונעם עטער
צו די ווייטע שטערן פֿאַרגייען,
נאָר ווען וועסטו פֿון אויסגעטראַכטע געטער
מיך און דיך אַליין באַפֿרייען?

עס האָבן פֿאַרבן־רייכע שווינדל־יאָרן
נאַכט צו טאָג און טאָג צו נאַכט געטריבן.
ביסט אַלט געוואָרן, וועלט — דיין ריין פֿאַרלוירן,
אַזוי אין אויג מיינעם ביסטו פֿאַרבליבן...

האָסט פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין נעץ פֿון מיינע אויגן,
אָ, וועלט, מיט דיינע אויסגעטרוימטע טרוימען,
ווער ווייסט, צי ס׳וועט דיין אַלטער רעגנבויגן
דיך קאָנען פֿון אַ מבול פֿאַרצוימען?...

שטשעטשין, 20 מאַי, 1958.

ריפּ פון מיינע ריפּן

אַ וואָרט ווי סם איז אַראָפּ פון מיינע ליפּן
און אין דיין האַרץ אַ פייער אָנגעצונדן.
כ׳האָב נישט דיך געמיינט —
ביסט דאָך פאָרט אַ ריפּ פון מיינע ריפּן.
נישט נאָר ליבע, אפילו האַס
האָט אונדז ביידע פאַרבונדן.

נישטאָ קיין גן־עדן אויף דער ערד
און נישט קיין גיהנום אין הימל.
די מעשה מיט דער שלאַנג
איז שוין לאַנג באַוואַקסן מיט שימל.
כ׳האָב אַ בים געטאָן דעם עפּל אין דיין האַנט
און טראָג דערפאַר מיין שטראָף געדולדיק.
נישט דו,
נאָר דער, וואָס דעם עפּל באַשאַפן האָט
איז שולדיק.

ביידע מיר זענען דער קיום־העולם —
איך, דער האַר,
דו, אַ ריפּ פון מיינע ריפּן.
כ׳בין נישט בייז אויף דיר דערפאַר,
וואָס דיין ערשטער קוש
האָט דערפרייט אין מיר מיין האַרץ,
נאָר פאַרסמט מיינע ליפּן.

כ'בין פאַרליבט געווען

כ'בין פאַרליבט געווען אין דיר —
אפשר שווערן?
איך האָב עס שוין איינמאָל געטאָן.
ביסט מיר געקומען אַנטקעגן
פון אונטער געלאָשענע שטערן,
פון דאָרט, ווו דער טאָג הייבט זיך אָן.

צו הימלישע וועזנס
פּאַסט נישט קיין ערדישער שאָטן —
איך האָב דיר די זון אָנגעבאָטן.

אין שטילע שעהן גערעדט צו דיר —
האָסט נישט פאַרשטאַנען מיין לשון.
מיין האַרץ האָט געברענט,
און איך
האָב פייער מיט פייער געלאָשן.

באַנטשע

דיין בעל־עגלה שטייט אין מיטן וועג
פאַרדרייט אַרום האַלדז די לייצעס,
און באַנטשע אין אַ קאַסטן טראָגט נעבעכיקע טעג
אויף זיינע געהאָרבעטע פּלייצעס.

ס'איז יענע וועלט — און ער אַזוי ווי געוועזן —
נישט צו זיך, נישט צו קיינעם קיין שייכות,
ער טראָגט אויף די פּלייצעס די וועלט און שווייגט
אויף אַלע שבעים לשונות.

דיין בעל־עגלה מיט טויטע פערד,
יאָגט אויף געוועזענע שליאַכן,
און באַנטשע, פאַרטראָגן, נישט זעט, נישט הערט,
נישט וויינען ער קאָן און נישט לאַכן.

געוואָרן אַמאָל פאַר זיין שווייגן באַלוינט,
נאָר גאָרנישט פאַר זיך אויסגעקליבן.
דאָס אויג פון דער וועלט אויף זיין שווייגעניש שטוינט
נאָר באַנטשע איז באַנטשע פאַרבליבן.

דיין בעל־עגלה אויף דער ערד מיט זיין בלוט באַפאַרבט
דאָס בילד פון זיין אייגענעם חורבן,
און באַנטשע, ביז היינט נישט ער לעבט, נישט ער שטאַרבט,
כאָטש אַזויפיל מאָל שוין געשטאָרבן.

„ביים גוסס צוקאָפּנס"

„ביים גוסס צוקאָפּנס"
מלאכים צוויי —
אַ שלעכטער און אַ גוטער,
איינעמס רייד —
האָניק זיס,
דעם צווייטנס —
האַרב און ביטער.

הערט דער גוסס צו די רייד,
און הערט —
וואָס קאָן אַ נוטה־למות הערן?
טאָג אין זיין אויג
פאַרלאָשן ווערט —
ס׳הייבט אָן פינצטער ווערן.

ערשטע שטערן צינדן ליכט.
ערד און הימל שלאָפן.
ווערט דאָס קראַנקע אויג פון נאַכט
מיט בלוט און פלאַם פאַרלאָפן.

נישט מלאכים,
נישט קיין רייד
האַרבע,
האָניק־זיסע.
דער גוסס שטאַרבט
אָן ווידוי —

בינען

איבער ווייסער גריקע
הענגט אַ פאַרשלאָפענער ווינט.
שטילקייט מיט הינערשע טריט
גייט אום אויף דער ערד;
די זון האָט איר פנים
אויף דרום געקערט,
דאָס רוישן פון בינען פאַרשווינדט.

פאַרוואָס זענט איר, בינען, אַוועק?
עס האָט נאָך דער טאָג נישט געמיטן,
יוער האָט אין לופטן די ריחות פון האָניק
אויף סם אויסגעביטן?

און אפשר פון רויבער דעם בינשטאָק באַשיצן?
פליט, בינעלעך, פליט,
זאָל אייך דער וועג נישט פאַרפירן!
וער ווייסט, ווער פון אייך
עס וועט אויף זיין שוועל
די פליגל פאַרלירן.

ביים ראַנד

די מאָרגן־זון ווי נעכטן וועט פאַרשיינען
און ווידער וועלן שטערן זיך צעגליען,
אַ זקן וועט זיין ערב־טויט באַוויינען,
אויף קברים וועלן טרויער־בלומען בליען.

אַ יאָר אין שלונג פון צייט וועט זיך דערוואַרגן,
אַ צווייטס פון זיך אַליין וועט זיך צעצינדן
אין רויט, אַנטקעגן הימל וועט זיך פאַרבן
דאָס לייב פון וועלט אין שרייענדיקע ווונדן.

אין פליסן וועט די אייביקייט און פליסן,
נישט לאָזן מיט קיין צוימען זיך פאַרצוימען,
און שטענדיק וועט דער מענטש ביי איר צופיסן
זיך פלאָנטערן אין נעץ פון זיינע טרוימען.

און צום סוף — אויף אַלע פיר דערקריכן
ביז צום סאַמע ראַנד פון ענדע לעבן,
און הילפלאָז זיינע אויגן וועלן זוכן
אַ גאָט — וואָס זאָל די זינד זיינע פאַרגעבן...

שטשעטשין, 31 יוני, 1958.

די בלום

ס'האָט דער ווינט אַ בלום
פון גאָרטנס דלת־אמות אויסגעריסן
און פאַרפלאַנצט אין פרייען פעלד.
האָבן אירע וואָרצלען אָנגעהויבן דאַרן —
ס'האָט קיין שאָטנדל
פון דער זון זי נישט פאַרשטעלט.

אין גאָרטן האָט די בלום געפילט
'עם גערטנערס פלעגנדיקע הענט
נאָר די נייגיריקע בליקן
האָבן מער נאָך ווי די זון
איר לייב געברענט.

איז טאָג נאָך טאָג פאַריבער —
עס וועלקט די בלום אין פעלד.
'אָך ווי בליען אונטער צוים פון גאָרטן —
איז דער בלום געווען דאָס וועלקן ליבער
אינעם פרייען פעלד.

ווינטן

ווינטן זעען אַלץ און הערן אַלץ,
קלעטערן אויף גלייכע ווענט
און ווערן נישט אין וואַסערן דערטרינקען
און אין פייער נישט פאַרברענט.

ווינטן צו די הימלען זיך דערשלאָגן
אין קרייזנדיקע בערג פון שטויב
און נישט איין מאָל מיין געדאַנק דערטראָגן
צו אַן אויער, וואָס איז טויב.

פליט אייך, ווינטן, ביז די שטערן,
בלייבט אייך פרייע ווי איר זענט,
נאָר נישט פרווט אייך אונטערהערן,
נישט פאַנאַנדערבלאָזן פייער
דאָרטן ווו עס ברענט.

לאָז מיך נישט אַליין

לאָז מיך נישט אַליין —
עס קאָן די ערד פון אונטער מיינע טריט
פארלוירן גיין.

א פלעק פון נאַכט
האָט אויפגעוואָלקנט אויפן זונען־ראַנד —
פארבליבן אין אַ זייט
איז פאַר מיר
דאָס אויסגעטרוימטע לאַנד.

ערגעץ אין אַ ווינקל פונעם טאָג
האָט זיך אַ שאָטנדל פאַרשטעקט —
דאָס שאָטנדל איז מיינס —
לאָז מיך נישט אַליין,
לאָז מיך נישט אַליין.

די קליאַטשע

אין לייצעם פון יאָרן
האָט דיך איינגעשפּאַנט די צייט,
איז דיר הונדערט געוואָרן —
אַ גאַנצע אייביקייט.

נישט געראָטן אויף זיך —
אַנדערש זעסטו אוים,
כאָטש אין קאַרעטן
פאָרסטו נאָך אַלץ נישט אַרוים.

אין דער גריווע —
קאָלטענעס פאַרבליבן
און דעם ווײדל, אויך נישט איי, איי, איי.

האָסט אַמאָל
דיינע ריפּן אויפגעקליבן
אונטער קהלם בײטשן
אָך און ווײ —

דער שטאָטישער באָק נאָך לעבט
ווי אַמאָל.
מיט די הערנער
טוט ער דיך א שטויס,
מען צופּט נאָך פון זיין עק אַ האָר,
ווען אַ סטרונע
פעלט אין זיין קאַפּעליע אויס.

און דו
אפילו היינט —
די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט,
ווי אַ מת צווישן מתים.
אַוועק, אַוועק די צייט,
יען געזעטיקט
האָבן דיך תעניתים.

יואָלסט זיך שעמען כאָטש געמעגט —
דאָס הונדערטיאָריקע אויג פון זיידן זעט,
זיין אויער הערט.
אוי, קליאַטשע, קליאַטשע,
ווי לאַנג,
ווי לאַנג נאָך
וועסטו בלייבן פערד?!...

אַ גאַנץ יאָרהונדערט
יעדער זיידע האָט מיט דיר געקנעלט,
און דו,
אויף דיין אויסגעדאַרטן רוקן
שלעפּסט נאָך אַלץ אַרום
די גאַנצע וועלט.

בנימין

די צייט
דורך הינטער־טיר אַנטלויפט
אויף יענער זייט דרויסן
בנימין השלישי
ביי זיך, אין דער פרעמד,
וואַנדלט אַרום,
נאָר „נישט דאָס בין איך אויסן",

אייף יענער זייט חלום,
קיין ערגעץ,
צעפּראַלט איז אַ טיר.

ער טרוימט:
די טאָרבע פול —
זיינע ביינער אין איר
פון יאָר צו יאָר ווערן עלטער,
ער שאָטנט אין איר
אַ דריי מאָל פאַרשטעלטער.

אַ בוים פאַרברעכט די הענט אויף זיין קאָפּ,
די ליידיקייט אין פעלד —
זיין באַגלייטער,
דער העכסטער באַרג אַרויף
דערפירט צום באַרג אַראָפּ —
אַ יאָרהונדערט
פון אים האָט זיך דערווייטערט.

טרוימער פון ווינט,
אָן אַ ווו, אָן אַ ווען —
געדייעסט אין היינט,
ווייל ביסט אַן אָנהייב געווען.

מײַן שטערן

ציִען װאָלקנס װי די צפֿונדיקע בערן;
שלינגען און שפּײַען אַרום די שטערן.
זאָל קומען אַ װינט און פֿאַנאַנדערטרײַבן
די װאָלקנס — מײַן שטערן אין הימל זאָל בלײַבן.

מײַן באָבע אַ מעשהלע פֿלעגט מיר דערצײלן,
אַז װײַט ערגעץ װײַט איבער טױזנטער מײלן,
לײַכטן פֿאַר יעדן באַשערטע מזלות,
נאָר נישט יעדער אײנער דערבליקן זײ װערט איז.

נישטאָ לאַנג די באָבע. די אױגן נאָך זוכן
צעװישן די טונקעלע װאָלקנס, װאָס קריכן.
איך װײס, ס'איז נישט אמת, נאָר גוט איז מיר גלױבן,
אַז ערגעץ־װוּ שײַנט נאָך מײַן שטערן פֿון אױבן.

דאָס ווינטל

פֿון וועוועריקל פֿלינקער,
שפּרינגסטו פֿון צווייגל צו צווייגל,
פֿון בלעטל צו בלעטל,
ביז וואַנעט פֿאַרמאַטערט
די וואַרפֿסט זיך אַריין
אין אַ מאָכיק בעטל.

אַמאָל איז דיין פּנימל גרין,
און אַמאָל נאָך רויטער פֿון צונטער,
דיין נאַקעט געפֿלאַטער אַהער און אַהין
פֿאַרלייקנט די קעלט פֿונעם ווינטער — — — —

און מעגסטו זיך טויזנטער מאָל
אין דיין הפֿקר פֿאַרקליידן —
איך קען דיך:
די שטאַמסט
פֿון דיין פּראָסטיקן ייִדן.

שרודבאָרוו, 1963.

איך גלויב

איך גלויב,
אַז ערגעץ־ווו
עס האָט שוין די צייט
איר טורעם פון ליכט אויפגעבויט —
יִר וועט נישט לשונות צעמישן,
אויף קעפ פון די בויער
נישט האָגלען מיט טויט.

איך גלויב.
און אויב איך וועל דאָך נישט דערוואַרטן,
פריינד, וואָס נאָך מיר וועסטו קומען,
געדענק:
אין זיינע ווענט
פאַרקריצן דו זאָלסט
כאָטש איין איינציקן אות פון מיין נאָמען.

צום בוים

דערלעבט איבעראַיאָר האָט דער בוים,
קיין צווייג איז פון אים נישט פאַרלוירן געגאַנגען —
צו דיר, צו דיר, מיינע אַלע געזאַנגען!
דערווייל ווו=נישט=ווו אַ קנאָספּ נאָך קוים,
נאָר גיך מיט שניי פון בלי וועט זיין באַדעקט
דיין קרוין און צווייגן אָנגעפילט מיט זאַפט.
נאָר ווייס: פון דיין צעוואַקס די גאַנצע קראַפט
אין סאַמע קלענסטן וואָרצל שטעקט.

דעם שמעטערלינגס טויט

אין קנאָספּ איז די בלום נאָך געשלאָפן,
ווען אַן ערשטער שמעטערלינג אַריינגעפלאַטערט האָט
אין מיין פענצטער, וואָס געווען איז אָפן.

אויף זיינע פליגל געבראַכט
אַ פאַרביק ליד,
די סטעליע, די ווענט,
מיט גאָלד באַגליט.

דערנאָך געוואָרן געפאַנגען
פון אַ פאָרהאַנג,
וואָס דעם צריקוועג האָט פאַרהאָנגען —
אין דאָרטן אויסגעהויכט זיין קורצן היינט.

אַ גאַנצן טאָג
אין מיין פענצטער
האָט די זון אַריינגעוויינט

ס׳וועט געשען אַמאָל

עס האָט פון דרום־זייט דער ווינט געבלאָזן,
און אַ צפונדיקע קעלט האָט מיך אַרומגענומען.
מיין אָנהייב הינטער זיך איך האָב געלאָזן —
דער סוף אַליין וועט מיר אַנטקעגנקומען.

אויף דמיונדיקע שטאַפּלען איבער זיך איך קלעטער,
כ׳האָב דעם זומפּ פון נידער אויסגעמיטן.
עס וועט געשען אַמאָל — פריער, צי שפּעטער —
אויב נישט די ערד, וועלן שטערן מיך פאַרשיטן.

אַ שטיין

I

אין אפשר אַ שטיין אַמאָל טראַכט
און רעדט אויף זיין שטיינערנעם לשון?
זיין שטומקייט — איך הער ווי זי וויינט און זי לאַכט
דורך דער צייט, ווי ליכט אויסגעלאָשן.

ס'טוט זיין טרויער זיך קיינמאָל נישט אָפּ —
עס קאָן קיין פרילינג זיין גרויקייט באַגרינען.
ווען שקיעות צעפלאַמען דעם וואַלדישן קאָפּ,
באַפלעקט אים דאָס בלוט פון געשטאָרבענע זונען.

און גלייך ווי זיין צער וואָלט געוויטיקט אין מיר,
כ'זיץ צופוסנס פון זיינע פאַרערדיקטע יאָרן —
זיי עפענען אויף אַ פאַרבאָרגענע טיר
צום פאַרוואַקסענעם שטעג פון זכרון.

פון ווייטן, געהילט אין אַ פאַרנעפלטער שיין
אַזוי ווי אַ פאַטאַמאָרגאַנע,
בויגט זיך אַ רויז אין מיין פענצטער אַריין —
שוין טויזנטער מאָל אָפּגעוויאַנעט.

אויף סטרונעס פון שטילקייט צעברומט זיך אַ בין
און פילט אָן די לופט מיט באַהאָניקטע טענער.
דער הימל, אַ מילדער, איז דורכזיכטיק דין
מיט וואָלקנדלעך — ראָזע צעווינטלטע פענער.

II

פּיקט זיך אַ מאָרגן פון טונקל אַרויס,
פון פייער אַ גאַרטל האָט ווער אָנגעטאָן אים,
מיט דעמער באַמאָלט נעמט אויפגיין אַ הויז,
און צייכנט מיין יידיש פּנים.

מיין אייגענעם אָטעם פון דאָרטן איך פיל,
ס'איז עמעציענס האַרץ נאָך ביז היינט דאָ פאַרבליבן —
קאָן זיין, פון איר קינד האָט אַמאָל אין דער שטיל
אַ מאַמע ווי פּערל די טרערן געקליבן.

די שטילקייט אַליין דאָ דעם אָטעם פאַרהאַלט,
אַ שרעק האָט צו דרויסן די טירן פאַררינגלט,
אַ בלויער מבולבלער בליק אויף מיר פאַלט —
ייער האָט אין דער בלויקייט אַמאָל זיך געשפּילט?

איך האָב אים, דעם בליק ביי מאַמען געזען,
ער איז ווי אַ זון אַלע טאָג אויפגעגאַנגען.
אין מיין פריידיקן לאַנד פון „אַמאָל איז געווען",
ווי וואָלט איך אים איצט דורך חלום געזען.

III

און אפשר אַ שטיין אַמאָל טראַכט?
דערציילט מיר, דערצייל אויף דיין שטיינערנעם לשון —
ווער האָט דיינע טירן אויף אייביק פאַרמאַכט,
אויף שטענדיק דאָס ליכט אויסגעלאָשן?

אַ שטיין אונטער סאָסנעס מיט הימל באַבלויט,
ער קען מיר קיין ענטפער נישט געבן —
אַ דומם! — ווער ווייסט וויפל ס'ועט נאָך זיין טויט
לעבנס אַרום איבערלעבן.

„אויב נישט נאָך העכער"

פּליתותדיקע נאַכט,
מוטנע שטערן איבער דעכער,
די האַק אין גאַרטל פאַרשטעקט,
אין גרויער סוויטקע
דער נעמיראָווער שפּאַנט
קיין „אויב נישט נאָך העכער".

צווייגן,
בלעטער
שאָרכן שטילע,
הייבט די אויגן אויף צום וואַלד —
יעדער בוים
אַ תּפילה.

דער נעמיראָווער שפּאַנט,
אויף פּלייצע
האַלץ אַ בינטל.

נעפּל גייט אָפּ,
ס'וועקט זיך אַ ווינטל,
אין בלינדקייט פון אַ פענצטער
פּויקן זיינע הענט;
אין קאַלטער הרובע
אַ תּפילה ברענט.
תּפילה איבער מאָרגן־ראַנד,

איבער בערג און טאָלן,
אין קראַנקן־בעט
עמעץ טראַכט —
מיט וואָס
דעם „גוטן גוי"
פאַר זיין טרחה באַצאָלן.

דיין מאָניש

I

אין ספר פון יאָרהונדערטן
אַ פאַרטרערטע בלאַט
די צייט האָט נישט אויסגעריסן;
דיין מאָניש לערנט אין אים פשט,
אין לילית ביי זיין צופיסן
הערט דאָס צויבער־וואָרט
פון איר געליבטן עילוי,
קושט זיינע אויגן,
גלעט אים די האָר,
בעט ביי אים מחילה...

דאָס האַרץ פון דיין מאָניש,
דאָס גרויסע האַרץ —
אין גיהנום־לאַנד פאַרלוירן,
נאָר זיין נאָמען — אַ פייער־פלאַם
אין אייביקייט איינגעפרוירן.

II

אַ נשמה פאַרוואָגלט אויף נע־ונד
הינטער שטעכיקע דראָטן
מתנות זוכט, דורך טויטע צדיקים
אין הימל אָנגעבאָטן

און ס׳פליט די נשמה אויף פליגל פון רויך
צום הימל, אָן זון, אָן לבנה,
און שליידערט צום כסא הכבוד
דאָס אַש פון מאָנישעם הארץ — אַ מתנה.

בדחן

(לויט „בײנאַכט אויפן אַלטן מאַרק“)

טיפע נאַכט, פיבער־נאַכט,
מצבות — צעשטשירעטע ציין
אויפן ראַנד פון בית־עולם,
דער לץ פון דיר לאַכט
און דו רופסט און רופסט:
„אין שול אַרײַן!“

בדחן, בדחן —
ס'איז נאָך חצות.
אַרום איז לער,
קײן שטײן אויף אַ שטײן.
יוער־זשע הערן זאָל דײַן רוף;
פאַראַן אַ גלאָק,
וואָס רופט אַלײן...

טיפע נאַכט, דײַן בליק באַנעמט
דעם שוואַרצן כוח
וואָס פאַרפירט.

אַז דו זעסט, איז וואָס דערפון,
ווען הינטער דיר
דער לץ רעגירט? —

קאַנען מיט דורשט
אין וואַסערטרעגערס הענט,
האָלצהעקער שפּאַלט פאַר זיך די לופט.

בדחן, בדחן,
ווען גהערט
דאָס קול אין דיר,
וואָס וועקט און רופט?

ווישטאָ דער ברונעם,
דער אַלטער מאַרק;
מיט קודלעס נאָר שוואַרצע
ריכערט די באָד.
אַרום דער באָד,
אויף אַש אַ באַרג,
טויטע מיידלעך אין אַ ראָד.

בדחן, בדחן,
שטערן צאַנקען,
לעשט זיך דער „טרוים
פון אַ פיבער־נאַכט“.

אין געוועזענעם מאַרק
טאָגט אַריין דאָס אויג
פון גרויסן גייסט,
וואָס דיין זכר באַוואַכט.

אַזוי שווין ציט זיך די מגילה ווייטער

אַזוי שווין ציט זיך די מגילה ווייטער.
נישט איך, נישט דו וועלן ענדיקן זי שרייבן.
יוען אפילו טינט זאָלן ווערן אַלע טייכן,
וועט קיין לײדיק אָרט אויף איר נישט בלייבן.
אַזויפיל נישט דערדערטע רייד
און טרערן נישט דערוויינטע —
ס'איז יענער טאָג
נאָך נישט אַריינגעשטאָרבן אין דער צייט —
ער לעבט אין מיטן וועלט
מיט הענט און פּיס געליימטע.
אַ ווינט אין פעלד נעמט צונויף
פון מיין ברודער די מחשבות נישט דערטראַכטע
און ווירבלט מיט זיי אַרום דעם אַש
פון זיין פאַרברענטן קאָפּ.
וועלט, מיין וועלט, אין דיין באַרג-אַראָפּ —
וועלכער גאָט האָט דעם רויך באַוויליקט
פון די קרבנות מיינע —
אויף זיין מזבח אומגעבראַכטע?
אַ טרויער-קאַראַוואַן פון איינאונצוואַנציק יאָר
מיט יאָרצייט-ליכט
דורך מיין לעבן מיך באַגלייט.
איך — אַ לעבעדיקער שפּליטער פון מיין טויטן פאָלק,
אַ ברענענדיקער דאָרן.

*　　*
*

יאָרן מיינע —
הינטער מיר פֿאַרברענטע בריקן —
ווי איך וואָלט פֿון אַלע שעהן אייערע
אַ קברים־באַרג צוזאַמענברענגען!
נאָר שוואַך אפילו זענען מיינע ווערטער אויסצודריקן
די קללה פֿון דער לעצטער רגע,
וואָס איז אויף שוועסטערס מויל געבליבן הענגען.
אַ וואַך־נאַכט
שוועבט אַרום אויף פֿאַרברענטע פֿליגל,
אָפּגעריסן פֿון דער ערד,
און קען צום הימל נישט דערגרייכן.
אַ קינדעריש געוויין
ייִיגט לבנה אין איר טויטן וויגל
דאָס געוויין פֿון היטלערס טעג, ימח שמו!
פֿון בבלס טייכן. —
אויב איך וועל אין דיר פֿאַרגעסן, מאַמע,
זאָל מיין רעכטע האַנט פֿאַרגעסן ווערן,
זאָל דער קין־צייכן שוואַרצן אויף מיין שטערן.

אָונטיקער וואַלד

אָונטיקער פלאַם אין צווייגן געלאָשן,
מיט פליסטערן פול איז פון שטילקייט דאָס אויער,
דאָס רעדט דער וואַלד אויף פאַרנאַכטיק לשון
און מילד ווי די פרייד איז זיין טרויער.

איך גיי — נישטאָ קיין נעענטער, קיין ווייטער,
שיין איז די וועלט אין זומער־פאַרנאַכטן!
איך בין זיך אַליין אַ שטומער באַגלייטער
און טראַכט, כאָטש עס ווילט זיך נישט טראַכטן.

אין שאָטן פון וואַלד מיין נשמה באַהאַלטן.
אין רגעס אַזוינע ווער קאָן מיר שטערן
דעם ריר פונעם גרעזל פאַרהאַלטן,
דעם ניגון פון אייגענעם האַרץ צו דערהערן?...

דאָס ווינטל איך גלעט ווי אַ קינדעריש קעפל,
עס שפרינגט מיר אין פנים, פון אַקסל צו אַקסל,
אַ בוים הייבט זיך אויף אויף אַ זאַמדיקן טרעפל,
און מיינט, אַז ער איז ביז צום הימל דערוואַקסן...

ווילט זיך מיר, וואַלד, אין אַ ליד דיך באַשרייבן,
מיט זוניקן טינט אין דיין שאָטן קילן,
און ווען אויף דיין אָרט וועט אַ פעלד פאַרבלייבן —
דיין אָטעם וועל איך דערפילן.

פֿאַרנאַכטיקע סאָסנעס אין טונקעלן גרינען,
די קרוינען צוזאַמענגעטוליעט איינאיינעם,
נישט איינמאָל צו אייך וועל איך ווידער קומען
און טרעפֿן אייך יונגע זקנים...

שרודבאָרווו, יולי, 1963.

פאַרוועלקטער דעמב

דער געלער טויט
האָט זיך אַריינגעלייגט אין דיין גרינעם שויבער.
ווי צו דיר!
איך האָב אַמאָל
דאָס שענסטע ליד פון דיר אַרויסגעצויבערט.
איצט האָבן ווינטן
דיינע בלעטער אָנגעטראָגן צו מיין טיר.

אַ טריבער טאָג
אין אָפּגענוצטן בגד קומט צו גיין,
ווי אַ קברן,
אין קבר דיך אַראָפּצולאָזן.
זאָל מיין ליד אַ מקום־מקלט פאַר דיר זיין.

גרין פון לעבן די פרייד,
געל — פון שטאַרבן אַ סימן.
אָנהייבן דעם אָנהייב,
ווען פון סוף איז די צייט —
איז ווי פייער פון וואַסער
אַרויסצובאַקומען.

אַ נאַקעטער שוידער נעמט דורך
דיין געצווייג,
די האַנט פון פאַרדאַרבונג
האָט דאָס לעצטע בלאַט פון דיר אַראָפּגעריסן.

נישטאָ דער כוח,
װאָס זאָל ענדערן דעם גאַנג פון צייט.
איך ווייס —
נאָר כ'וויל דערפון נישט וויסן.

מיכל דער בלינדער פידלער
(אַ חלום)

ווער האָט אים געבראַכט פונעם עולם הדמיון
אַהער אויפן נאַכטישן הויף;
וואָס זוכט ער און הייבט זיין פאַרחושכטן קאָפּ
צו געוועזענע שטאָקן אַרויף?

זיין מלבוש צעפליטערט אויף צוויטן,
אין איילט, ווי מען וואָלט אים געטריבן;
ער שלעפּט אין זיין טאָרבע פון הונגער
די טעג פון זיין וואָך אַלע זיבן.

דער שניי אין די פּיס, וואָס אין שמאַטעס, צעטייעט,
ווי וואַרעמע טרערן אין אויגן פון קינדער.
ער רופט אינעם חלל, נאָר ווינטן זיין רופן פאַרשרייען;
ער זינגט, נאָר זיין ניגון, ווי ער, איז אַ בלינדער.

ווער איז ער?
דערגראָבן ער האָט זיך פון גריבער,
און זוכט דאָ זיין פידל אַרום
אויפן אָרט פון פאַרשוואונדענע שטיבער. —
אין ווינקל פון הויף איז זיין קעלער געווען —
פון פוילעניש, פייכטקייט און שוואָמען אַ ריח —
אָט אין זיין קעל ווערט דער הונגער דערוואָרגן,
אָט איז דעם הונגער דאָס ליד מנצח — — —

פון ציטעריש שטחים אַ שטויב צו אַ שטויבל
דער ווינט ברענגט צוזאַמען;

פאַרזייט זיי ווידער ביי מיר אין זכרון.
זיין פידל איך האָב שוין פאַרשטאַנען,
ווען דרייצן געווען איז מיר יאָרן.

נישט איינמאָל געטיילט זיך מיט אים
מיט מיין אָרעמען ביסן —
עס האָט פון דעם קעלער זיין שירה
דעם הימל געריסן.

דורך די געלאָשענע אויגן
געקוקט האָט אַ האַרץ איבער ווייטן אַריבער;
אַ בערדל באַשוואַרצט האָט זיין פנים
און לאָקן, ווי שמשון הגבור.

אין טונקעלן ווינקל פאַרקליבן
געוויינט האָט פון דאָרטן זיין פידל.
מיר האָט זיך געדאַכט,
אַז דוד המלך אַזוי
האָט זיין תהילים געשריבן.

אָט קלאָגן די סטרונעס פון ווערבעס
ביי טייכן פון בבל,
אָט קנאַקן די שייטערס פון אינקוויזיטאָרן,
און איבער די שייטערס דער זינגער, אַן אבל,
ברענט אין זיין ליד ווי אַן איינזאַמער דאָרן.

ווער ווייסט וואָס מיט אים האָט געטראָפן,
אפשר אַ קויל פון רוצח
זיין וועג איז פאַרלאָפן? — — — — —

אין דרויסן צעטייעט די נאַכט
איבער פעלדער צעשוווּמען.
ווו איז ער, מיכל דער פידלער —
ער איז פון מיין חלום אַרויס,
דורך אַ שויב פונעם דעמער אַנטרונען.

גיטל, שוועסטער מיינע!

גיטל, שוועסטער מיינע,
כ'האָב דיך היינט אין חלום געזען.
אויף די סטעזשקעס פון מיין שווער געמיט
ביסטו אומגעגאַנגען
פאַרקליידט אין דיינע רויזנדיקע נײַנצן יאָר
און שוואַרץ געלאָקטן קאָפּ —
אַזאַ ווי דו ביסט געווען.

כ'האָב פאַר דיר אַ ליד געלייענט,
האָסט זיך איבער איר אַנטציקט,
ווי שטענדיק קאַפּריזעוועט,
דערווידערט.
אפשר האָב איך
אַ שלעכט וואָרט דיר געזאָגט —
זיי מוחל מיר, דיין בייזן ברודער,
רעד צו מיר, רעד —
לאַנג האָב איך דיין קול נישט געהערט.

יעצט אַוועקפלאַטערן
אויף די פליגל פון מיין חלום, ווי אַ טויב.
און ווידער וועל איך דיך נישט הערן,
נישט זען דיין ליכטיק פנים,
וואָס מיט אויפגאַנג פונעם טאָג
וועט פאַר מיר נישט ווערן —
שוועסטער מיינע!...

די אויגן־לעפּלעך פון דער וועלט

די אויגן־לעפּלעך פון דער וועלט
זיינען שוואַרץ ווי קויל,
נאָר די אַפּלען ברענען
מיטן פייער פון אַלע גיהנומס.
איך שטיי ביי דער פּטירה פון תקופות
מיט אַן אָפן מויל
אויף דער ערד,
וואָס אַלעמען געהערט
און איז נישט קיינעמס.

דער קאָפּ פון וועלט
גאַרט צו ווערן געזאַלבט,
נאָר פאַרפּעלט
האָט בוימל אין קרוג.
געלויבט זאָל זיין די האַנט,
וואָס שימל־פּעלזן פון בראשית שפּאַלט.
פאַרשאָלטן זאָל זי ווערן דערפאַר,
וואָס פאַרוואַלגערט מיט זיי
דעם גלייכן וועג
און דעם שטורעם איבער ימים וויגט.
דער רעש
פון הויכע עולמות האָט אויפגעהערט.
איך וואַרט נאָך אַלץ
אויף אַ געטלעכן רמז;

די הינטערטיר פון חלום איז אויפגעפראַלט –
כ'וויל נישט מער אַהין אַנטרינען.
דער חלום, ווי די וואָר, איז אַלט,
איך האָב אים נישט איינמאָל
מיטן אויפגאַנג פונעם מאָרגנשטערן
אין בעטלערישע טראַנטעס
אויף אַ מיסטקאַסטן געפונען.

וויי צו דיר וועלט! —
האָסט אין אַלע צייטן
מיט שוועבל פון סדום אויף מיין קאָפּ גערעגנט,
און איך האָב דערפאַר
מיט שירה דיך באַלוינט,
ווייל אַ באַפליגלטן אייזל
האָב איך אויף מיין וועג באַגעגנט.

די נשמה פון מיין שירה
מיט שוואַרצן טוך פון בלענדעניש
האָסטו פאַרבונדן;
אָנגעזאָטלט אויף אַ בליין,
מיטן פייער פון מיין מאַמעס שבת־ליכט –
מיין הויז אָנגעצונדן.

האָסט מיך אויסגעלאַכט,
און איך פון דיין געלעכטער
די האָר פון קאָפּ האָב איך זיך געריסן.
עד! ווען איך זאָל קאָנען
מיט דער זון,
ווי מיט אַ שלאָס,
אויף אייביק דיין מויל פאַרשליסן...

נישט אַלץ מוז האָבן אַ סוף

יאָרן הינטער זיך געלאָזן
און שעהן געגאַנגען אַנטקעגן.
ווען איך זאָל קאָנען
לייגן די צייט אויף דער וואָג,
וואָלט אפשר אן איינציקע רגע
אַ מעת-לעת איבערוועגן.

וואָלט אפשר אַ ווײַלע
מיט טעג זיך פאַרגליכן,
אין צייטישער קייט
נישט געלאָזט זיך פאַרקניפּן,
וואָלט ווידער
אַ שוואַרץ געלאָקטע נאַכט
אין תוהם קלייד
געקושט מיינע ליפּן,

מיט ביטש פון באַפליגלטע רגעם
סטאַרעם מיט טעג
צו די ראַנדן געטריבן,
די שברות פון טרוים
אויסגעוועפּט זיך,
די פליגל נאָר זענען פאַרבליבן.

מיט זיי
געוועזענע וועגן באַשוועב איך,
מיט נעגל און ציין

אַ פונק פון דער צייטישער טיף אויסצוגראָבן.
עס קאָן דאָך אַמאָל זיין,
יז אַלץ, וואָס אַן אָנהייב האָט,
קיין סוף מוז נישט האָבן

דער ניגון

דער לאַנגיאָריקער אַקטיוויסטין פון שטשעטשינער
ייִדישן פאָלקס=כאָר

מ ר י ם ר ײ ז מ אַ ן

דער ייִדישער ניגון
אין אויוונס פאַרברענט,
צעשאָסן אין וואַלד פון פאָנאַר —
גייט אויף אין דיין קול,
אין יעדן דיין טאָן;
דער ניגון
וואָס לאַנג שוין אַנטשוויגן —
אין בלוט און אין פלייש אָנגעטאָן.

ווען איך הער דיין געזאַנג,
צעשיינט זיך
אַ ווייטע פאַרגאַנגענע זון איבער מיר,
און עס פלאַטערט די פרייד
פון מיין קינדהייט אַרויס
דורך פענצטער און טיר.

ווען איך הער דיין געזאַנג —
אין הענג=וויגן בלויע
דער הימל פאַרוויגט מיינע טעג;
אַ שיפל אויף פריפּעט דעם טייך,
אין זאַרגלאָז צעפּייערטן זומער,
און זומפּן פון ביידע זייטן וועג.

ווען איך הער ווי דו זינגסט
צעפּאַלט זיך פון יאָרן די וואַנט
און ווידער מיין בליק
צו וועלטן פאַרדמיונטע שטערנט אַרויס.
איז וואָס פאַר אַ ווערט האָט מיין וואָרט
אַנטקעגן דעם בילד,
וואָס די פאַרב פון דיין קול
מאָלט פאַר מיר אויס?

דאָס יידישע וואָרט פון דיין מויל

דער לאַנגיאָריקער אַקטיוויסטין פון יידישן דראַמאַ־
טישן קאָלעקטיוו אין שטשעטשין
פ אָ ל י ע   ש אַ פ י ר אָ

דאָס יידישע וואָרט פון דיין מויל
פלאַטערט אַרויס ווי אַ טויב,
שמחהדיק צאַרט
און פול מיט זיבן חנען,
אַמאָל, אַ געלייטערטע טרער
צו די הימלען עס טוט זיך אַ הויב,
אָ, חברטע מיינע.

דאָס יידישע וואָרט אין דיין מויל, ווי אַ קווייט
ביי ברעגעס
פון וואַסערן זילבערדיק ריינע,
אַמאָל וואַקסט עס אויס
„אין פאָליש אויף דער קייט“,
אין אַ לאַנג פונעם „דאָרפס־יונג“ אַמאָל,
אָ, חברטע מיינע.

דאָס יידישע וואָרט אין דיין מויל
איז נישט נאָר אַ וואָרט בלויז,
ס'איז צאָרן, ס'איז טרויער,
געוויין און געלעבטער
פון קינדערלעך קליינע.

דורך דיר
רעדט אַ דור פון די קברים
די רייד נישט דעררעדטע אַרויס,
אָ, חברטע מיינע.

קום צו גיין

קום צו גיין —
לאַנג האָט קיינער
מיין שוועל נישט באַטרעטן,
גאָרנישט וועל איך דיר געבן
און גאָרנישט ביי דיר בעטן.

דורך רעגן, זון, און ווינט
האָב איך אויפגעבאַפט דיין שמייכל,
ער הענגט ווי אַ נר תמיד
אין אַ ווינקל איבער מיר —
קום צו גיין
אַזוי,
ווי געמאָלן איך האָב דיך,
אַמאָל אויף פּאַפּיר —

אַ טאָג נאָך אַ טאָג
אין מיין האַרץ שטאַרבט אַריין —
קום צו גיין.

אפילו ווען איך ווייס,
אַז צוזאַמען מיט דיר
צוויי מאָל וועל איך זיין אַליין.

עמעצער שרייט

עמעצער שרייט,
ווי מען וואָלט אים געוואָרגן —
וועק אים אויף,
וועק אים אויף,
ס'איז ווייט נאָך דער מאָרגן.

אז עמעצער שרייט,
איז צום בייזן אַ סימן —
ווער ווייסט וואָס עס איז אים
צו חלום געקומען.

אפשר איז זיין אייגענער שאָטן
אים באַפאַלן,
אָדער ר'איז פון הימל אַרונטערגעפאַלן? —

דער פּלוצלינגדיקער פאַל
פון באַפליגלטע הייכן
איז שווערער אַמאָל,
ווי אַ באַרג צו דערגרייכן.

עמעצער שרייט
אויף דער שוועל פונעם מאָרגן.
אַ לעצטער שטערן
זיין געשריי האָט דערוואָרגן.

אַ בוים בײם ברעג פֿון ים

ווער האָט פֿאַרוואָרפֿן אַהער דײַנע זוימען,
געלאָזן דײַן אײנזאַמקײט אויפֿגײן אויף זאַמדן
דערנעבן דעם טונקעלן ים אויפֿגעבראַוזטן,
וואָס שלאָגט אין די ברעגעס מיט שטאָלענע פֿויסטן,
געיאָגט פֿון די ראַנדן צעפּליעסקעט אין שוימען —
ווער האָט עס פֿאַרוואָרפֿן אַהער דײַנע זוימען?

פֿון וואָס פֿאַר אַ וואַלד האָט די צײַט דיך פֿאַרשלײדערט,
אין שטענדיקן טרויער דײַן קאָפּ זאָל זיך װיגן
אַנטקעגן צעבײזערטע בלײַענע הימלען,
אין ווינטן, וואָס ווערן נישט קײנמאָל פֿאַרשוויגן,
נאָר צוימען אַרום דײַנע וואָרצלען מיט שטײנער,
פֿון וואָס פֿאַר אַ וואַלד האָט די צײַט דיך פֿאַרשלײדערט? —

ווער האָט דיך פֿון בליענדן סאָד אויסגעריסן?
אַ אײנזאַמער בוים, וואָס נאָר בוים איז דײַן נאָמען,
די יאָרן פֿאַרבײַ דיר מיט כוואַליעס פֿאַרשוווּמען,
צעדרײטער דײַן שטאַם ווערט, און דרײען געבויגן,
און שוואַרץ ווי דער שאָטן, וואָס היט דײַן צופּיסן
ווער האָט דיך פֿון בליענדן סאָד אויסגעריסן?

די שטײסט בײַ דעם ים־ברעג דורך עלנט געצײכנט,
פֿון קנאָכיק־צעשטרעקטן געצווײַג דײַנעם פֿליען
פֿאַרוויאַנעטע בלעטער און מיטן פֿון בליען. —

מיט וואָס זאָל איך, אָרעמער בוים, דיך פאַרגלייכן? — — —
ביסט הייליקער נאָך פונעם „סנה" אין דער מדבר,
פון ווערבעס אַ טרער ביי די בבלישע טייכן...

מיעדזיזדראָיע, דעם 15 אויגוסט 1958.

לעש נישט אוים פאַרפרי דאָס פייער

לעש נישט אוים פאַרפרי דאָס פייער,
ס׳איז די נאַכט פון פענצטער נאָך נישט אַפּגעגאַנגען.
שווערע גלאָקן וויגן טרויער־קלאַנגען,
רויטע הענער פליגלען אויפן שייער.

זאָל נישט דאַכטן דיר, אַז דיינע אויגן
שוין פאַרפעדעמט האָבן ווייטע צייטן.
קאָנסט נישט ווילנדיק אויף בלוט פאַרבייטן
אַלע פאַרבן פונעם הימל־בויגן.

יעדער ניצוץ ליכט איז טייער,
טאָג זיך נענטערט איבער הימל־שטיגן.
ביז די פינצטערניש דו וועסט באַזיגן —
לעש נישט אוים פאַרפרי דאָס פייער.

שטשעטשין, 4.6.1962.

דערלאַנג דיין האַנט

איך וועל אָפּוועגדן דיינע טריט
ביז בלינדע טירן,
מאַכן פליגלען איבער דיר
פון אַלע קאָלירן.
דערלאַנג דיין האַנט מיר.

דער וועג צום עץ־החיים
דורך שטרויכלונג פירט,
דורך ווילד פאַרוואַקסעניש
און טיפע גריבער.

דערלאַנג דיין האַנט מיר,
איך וועל ברענגען דיך אַהין,
ווי אַליין
האָב איך קיינמאָל
נישט געקאָנט אַריבער.

שטשעטשין, 5.6.1962.

באַשעפער אומבאַוווּסטער

באַשעפער אומבאַוווּסטער —
ווו איך זאָל זיך נישט געפינען,
פאַרבלענד נישט מיינע אויגן מיט דער ליכט
פון פאַרגאַנגענע זונען.
זאָל נישט געשען,
אַז די רגע פון מיין אָנהייב
מיטן סוף
זאָל זיך צוזאַמענקומען,
אַז דער וועג, אויף וועלכן איך גיי,
זאָל אין ערגעץ זיך נישט פאַרקרומען,
אַז דער דאָרן
זאָל נישט זויגן דעם זאַפט פון רויז;
אַז נישט פאַר דער צייט
זאָל זיך לעשן אַ שטערן,

אַז די ערד
אונטער מיין וואַקסנדיקן הויז,
זאָל פאַר דער בלום
קיין קבר נישט ווערן.

שטשעטשין, 17.6.1962.

ווי זאָל איך זיך דערזען

כ׳האָב זיך אַליין פון אויג פאַרלאָזט,
געוואָרן צו זיך פרעמד,
דער ווינט אין פנים פרעמד מיר בלאָזט,
אין רחבות איך בין פאַרקלעמט.

איך בין אַמאָל געווען,
געוואָרן אויס.
ווי קאָן איך זיך דערזען —
לאַנג בין איך פון זיך אַרויס.

שטשעטשין, 17.6.1962.

ווער איז דער שאָטן

ווער איז דער שאָטן, וואָס שטייט צוגעקלעפּט
צו דער וואַנט, וועלכע האָט נאַכן אַריבערגעלעבט?
וואָס האָט אים געטריבן אַהער זיך באַהאַלטן,
ווען איבער אים האָבן זיך מויערן געשפּאָלטן? —

אַ וואָלקן האָט דעמאָלט באַפינצטערט די ערד,
אין שטערן־אַבלים דעם הימל באַטרערט.
אַרויס איז די זון און דעם וואָלקן פאַרטריבן,
אַליין ביי דער וואַנט איז דער שאָטן פאַרבליבן.

שוואַרץ איז די וואַנט, נאָר צעפּיסנס ביי איר
ברענען קוויטן פון יעדער קאָליר.
די צייט לעשט זיי אויס, עס פאַרוועלקן די פאַרבן,
די וואַנט און דער שאָטן — זיי קאָנען נישט שטאַרבן. —

אַ וואַנט פון געוויין אינעם ווינט איינגעהילט,
און פלעמעלעך ווי פאַרן הייליקן בילד
פאַרלויפן מיט נעפּל, דערצאַנקען
מיט עמעצנס שוין נישט דערטראַכטע געדאַנקען.

דער שאָטן מיט פלאַסטער פון גיפּס אויפן מויל,
אַ וואַנט הינטער אים מיט אַ פלעק פון אַ קויל.
עס קלאַפּט נישט זיין האַרץ, זיינע אויגן נאָר וואַכן —
נישטאָ אַזאַ כוח, וואָס זאָל זיי פאַרמאַכן.

שטשעטשין, 4.10.1962.

„פאַרגעבונג"

די שרפות האָבן אויסגעברענט,
דאָס אַש איז בלויז פאַרבליבן —
אין ספר פון צייט
האָט אַ שוואַרצע בלאַט
דיין האַנט אַריינגעשריבן.

דער ספר איז אָפן,
איבער אים וואַכט
דאָס אויג פון אַ דור
מיט בלוט פאַרלאָפן.

אַרוים פון באַהעלטענישן,
פון אַלדע שוואַרצע יאָר,
פון אַלע מויזן-לעכער! —
פאַרגעבונג אויף דיר וואַרט,
ליבער, אונטערצינדער,
טויזנטמאָליקער פאַרברעכער!

די הענט פאַרשאַרן —
נישטאָ פאַר וועמען צו אַנטרינען —
פון דיין שופט דאָס געוויסן,
איז ווי זיין טאָגע שוואַרץ,
ער האָט אַ זכות שוין אויף דיר געפונען.

אַרויס פון באַהעלטעניש, ראַסיקער שרין,
פּראַל אויף דאָס פענצטער, טיר!
דאַרפסט נישט זוכן פאַר קיינעם קיין תירוץ
אַ תירוץ מען האָט שוין געפונען פאר דיר.

אַט גייט מען דיך מטהר זיין —
נאָר ווען טויזנט מאָל זאָל שווענקען דיך דער ים —
ריין וועסטו נישט ווערן
ביז אין טיפער אייביקייט אַריין;
דער האַקנקרייץ
וועט ברענען אויף דיין שטערן.

באַווייז דיין פּרצוף אומגעשטערטערהייט.
דאַרפסט נישט מער
אין פרעמדע הויטן זיך קליידן,

נאָר אין מיטן וועלט
ביז היינט דיין תליה שטייט;
עס וועט איר שלייף
דיין קאָפּ נישט מיידן.

דיין בליק

מלכה ליכטיקע,
וויפל מאָל
אַ פרילינג־צווייגל
פון דיין האַנט באַקומען,
ווען האַרבסט אַרום
געשווידערט האָט
מיט וועלקעניש און שטורעם?
ווען צפון דיך פאַרנעפלט,
זײַ איך דיך אין דרום,
אין מיין יעדן קער און ווענד
אַ בשורה טובה,
אַ גוטער סימן. —
מלכה ליכטיקע!
זאָל דיין בליק
אין נאַכט פון מיין געמיט
נישט אויפהערן אַריינצוטאָגן.
דויערן וועל איך
אין מיטן וועלט,
ווען אפילו
כ'זאָל דעם קאָפּ אין איר צעשלאָגן.

אויף יענער זייט טאָג

אויף יענער זייט טאָג,
זאָין פייער פון רויטע פאַרגאַנגען,
גייט אויף די נאַכט.
וואַרט איך אויף מאָרגן —
כ׳וויל נישט, אַז עמעצער זאָל מיר די זון
אַ גרייטע דערלאַנגען.

נאַכט איז סוד,
פול מיט געפאַרן,
נאָר באַהיט מיך,
באַהיט פון דעם ליכט,
וואָס קאָן פון דער פינצטערניש
מער נאָך גענאַרן.

אַרום מיר שאָטן,
שאָטן אין מיר.
ווי קאָן איך זיך אַליין פאַרלאָזן.

איך ווייס:
ווידער וועט אויפגיין די זון
פאַרגיין,
און מיך,
ווי אַ שאָטן נאָך זיך איבערלאָזן.

די נאַטור

מיין שאָטן פֿאַרטונקלט נישט דיין זון,
איך קום נישט מיט קיין האַק דיין וואַלד באַדראָען.
סיי ווען דו וועלקסט און סיי ווען דו בליסט אויף חידושים —
אין דיר זענען געלייטזעליקט מיינע שעהן,

דאָס בלויע בלוט פֿון דער ערד,
אין טייכן־אָדערן צעפּלאָסן,
אייך מיר געהערט.
איך בין ווי דו,
נישט אין ענגשאַפֿט איינגעשלאָסן.
דאָס האָסטו אין אַלע צייטן איינגעהיט
מיין געזאַנג
פֿון ווערן אַנטשווּיגן.

אייף אַלע קאָנטינענטן זיי געבענטשט,
אין דער אויסשפּרייטונג פֿון אַלע ימען.
איך וועל נישט פֿאַרדאַרבן אין פֿעלד דאָס ברויט,
נישט דיינע וואַסערן פֿאַרסמען.

כ'האָב דיך ליב, נאַטור, פֿריי פֿון אַלע צוימען.
ווען קומען וועט מיין לעצטע שעה —
זוי אַ וואָלקנדל לעז מיך אויף
אין דיינע רחבותדיקע רוימען.

שטשעטשין, 23.3.1965.

דערציייל

האָסט אַ מעשה אויסגעטראַכט פון נישט געשטויגן,
הינטער זיבן בערג פאַרלאָפן.
כ'האָב געשלונגען יעדעס וואָרט מיט מויל און אויגן,
נאָר דעם סוף פאַרשלאָפן.

דערצייל דעם סוף,
בישוף אוים פון ווערטער
דעם ציטער, וואָס זיי פאַרמאָגן,
אַז באַפליגלט כ'זאָל ווערן
צום נישט פאַראַנענעם נאָך,
ווי דער נביא אַמאָל
אין זיין פייערדיקן וואָגן.

ביי דער גרויסער וועלט איך בין אין קלעם,
איך לענדן שווערע שטריק פון יאָרן —
אָפגעפרעמדט.

כ'בין שולדיק זיך אַליין אַ חוב,
כ'וועל ביי קיינעם אים נישט בעטן;
אַליין מיט מיינע פיס
כ'האָב וואַנדער־וועגן
איבער זומפן אויסגעטרעטן.

דערצייל,
דערצייל אַ מעשה פון די פינגער אויסגעזויגן,
זיבן מאָל נישט קלאָר.

בעסער זײַן
דאָס נישט געזאַנטע מיט פֿאַרמאַכטע אויגן,
איידער אַ שרײַ אויף דער וואָר.

אין קנויל פון געדאַנקען

אַ קנויל פון אויפגעשויבערטע געדאַנקען
ווי גלי־ווערעם אין פינצטערניש קרייזן
אַרום מיינע טעג און נעכט, ווי פייגל קראַנקע,
וואָס וועלן פליען צו הימלען נישט באַווייזן.

געדאַנקען ביטער־גאַל און זיס ווי טרויבן —
כ'ווייס נישט ווו די וועלט וועט אייך צו קבורה ברענגען.
כ'האָב די ווייסקייט פון אַ טויב צום הימל אויפגעהויבן,
שוואַרצע פליגל זענען אויף איר אָרט געבליבן הענגען.

אַ קנויל פון אויפגעשויבערטע רעיונות,
ווי פייכט געוועלק ביי אָסיענדיקע טייכן.
וואָס קומט אַרויס, אַז דער קאָפּ אַ קרוין איז,
ווען דעם וועג פון געקרוינטע די פיס מיינע ווייכן.

איך הייב זיך אויף אויף אַ חלומדיקן לייטער,
נאָר די וואָר פון בלוט און פלייש איז,
איבער מיר צערויטלט זיך אַן אויפגעפלאַמטער שייטער —
דאָס פלאַקערט די עלטער פון אַ געטלעבן בראשית.

אַ בלומען־קראַנץ

ס׳האָט דורכן שלאָף
מיין חלום צו דיר
אַ בלומען־קראַנץ געבראַכט;
אויף דער וואָר
אין ליד זיך פאַרביטן. —

ווייל פרילינג איז
אויף דיין קאָפּ
מיט זילבער בליען דיינע האָר,
צווישן יאָרן־שפּאַלערס,
ווי געצונדענע ליכט,
שטייסט אין מיטן.

אַמאָל אין סאָד ביינאַכט
אַ קווייטל מיר געשענקט,
כ׳זאָל דיך נישט פאַרגעסן.
איצט —
פון יענער זייט צייט
איך רוף דיך אַרויס,
אין דו קרייזט ווי אַ טויב

אַרום מיינע מעת־לעתן.
אויף יענער זייט צייט
קיין טויט נישטאָ,
יעדער טרוים
אייף קאָפּ פון אייביקייט
אַ קרוין איז.
פלאַטער נישט פון מיר אַוועק,
כ׳וועל דיר נאָכטראָגן דיינע נעכט און טעג
אין שוואַרצע ארונות.

זיי מוחל פאַר מיין טראַכטן אַזוי —
דאָס זעגען זעונגען קראַנקע;
עס האָט אַ בייזע שעה
באַשווערט מיין קאָפּ
מיט שטיינערנע געדאַנקען.

זיי מוחל,
אויב דו ביסט דאָס שטראַליקסטע ליכט פון זון,
נאָר אויב
די שאָטן־זייט פון זונען —
פאַרגיי אין ווייטן מיראַזש.
שאָטנס קאָן מען
נישט זוכנדיק געפינען.

גאָלמדיקער ריז

אַלע בריקן הינטער זיך פֿאַרברענט,
געבויט, צעשטערט מיט די אייגענע הענט.
ווי ווערסטו פֿון היכל די שוועל איבערטרעטן,
גאָלמדיקער ריז בצורת אלוהים?
דעם שם המפֿורש אויף דיין שטערן
פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַרשווערכט אים?
מיט קדושה דיין באַשעפֿער זיך באַהויכט,
פֿון אַן אַנדער ליים געקנעטן.
ווי ווערסטו,
ווי ווערסטו, גאָלמדיקער ריז,
די שוועל היכל איבערטרעטן
מיט קינס האַק אויף די לענדן?

פֿון דיין אָטעם
קרישלען זיך אין שטויב מאָנומענטן,
גאָלמדיקער ריז,
איבער ווייסע און שוואַרצע
קאָנטינענטן.

דער בלינדער

ער שאָטנט זיך ביי ווענט,
אַ שטעקן זיין פירער.
זאָגט איינער — „אינוואַליד",
אַ צווייטער — „מאַרטירער".

הימל און ערד
מיט בליי פאַרצויגן,
ער זעט מיטן האַרץ,
וואָס עס זעען נישט די אויגן.

שווינדזיכטיק אָטעמען לונגען פון טאָג,
אויף געלן געוועלק
ווינטן קברנים.
שפּיזלט זיך אייזיקער שטאָל
אויף זיין בערדיקן פּנים.

בלייבט ער שטיין,
קרעכצט אַרויס:
„אוי ווײ"! —
ר'האָט דערפילט דעם ערשטן שניי.

די בלום

אויב ביסטו די בלום
פון ערדישער זאַפט גענערט,
מיט אַלע ריחות,
וואָס אַ בלום איז אייגן —
מעגסטו אויפגיין אין נידער פון טאָל —
איך וועל
דעם קאָפּ פאַר דיר בייגן.

אויב אויסגעטראַכט,
מיט קאָלירן באַפאַרבט,
באַשאַפן האָט דיך אַ האַנט,
עמעצנס אויגן צו פאַרבלענדן —

טאָ שטאַרב!
זאָל דער ווינט
אין אַלע וויסטע עקן
דיך פאַרטראָגן.

פרילינג

בלויע טעג
אין הימלס הענגענדיקע וויגן,
יונגע ווינטן דרומדיקע בלאָזן
אויפן פעלד,
אונטער טענער פון אַ גרינעם ניגון
פון דער הויט אַרויס
קריכן גראָזן.

אויף זילבער־שטראָמען
טייכן פראַלן צו די ווייטן.
די ערד — אַ יום־טוב־טיש
מיט ווייס געבלי
און ערשטע קוויטן.
זינגט דער וואַלד
זינגעוודיקע נעסטן אין די צווייגן;
ערגעץ איבער פענצטער
פייגל לאָזן הערן זייער קול
פון גרינע שטייגן.

דער וואָלף

נאַכט פאַרגאַנגען,
די סאָווע
טיפער אין וואַלד אָפּגעפלויגן,
נאָר אַ וואָלפישער בליק
ברענט אין דיינע אויגן.
מיינסט,
אַז עס זעט דיך נישט קיינער?
אונטער זיבן הויטן
ביסט געבליבן וואָלף,
נאָר מיט צעבראָכענע ציינער.

קלייד זיך ווי דו ווילסט,
כ'האָב דיך פון בליק נישט פאַרלוירן.
פון זיך אַליין
ווערט נישט קיין וואָלף —
אַ וואָלף ווערט געבוירן.

אַ פֿאַסטעך בין איך

אַ פֿאַסטעך בין איך
פֿון פֿאַסטעכדיקן לאַנד,
ווו קיין הונט
נאָך טשערעדעס נישט לויפֿט,
פֿון פֿייפֿל אין מיין האַנט
גרינט אַ ליד איבער פֿעלדער אויף.

אין שאָטן פֿון גנאָד
רוען מיינע שאָף,
טאָג לאָזט זיך אוים,
הייבט זיך ווידער אָן פֿון סוף.
מיט ווייכן אָטעם
שטילקייט אָטעמט קוים,
מיין מידקייט וויגט
אַ פֿויגל־טריל
אין בלעטער פֿון אַ בוים.
הימל בלויע
צום דרימל מיינע אויגן פֿאַרמאַכט,
אַ בייזער געדאַנק
ווערט אין מיין מוח אַריינגעטראַכט: —

וואָלקנס איבער זונען־ראַנד,
פֿון שאָף — נישטאָ קיין שפּורן,
דאָס פֿאַסטעך־פֿייפֿל —
אַ וואַנדער־שטעקן אין מיין האַנט;
אַ סטאַדע וועלף
איז פֿון מיין טשערעדע געוואָרן.

די פֿאַרגאַנגענע זון

די פֿאַרגאַנגענע זון
האָט דורך וואָלקנס זיך געריסן,
דורך נעפּלען געשלאָגן,
דורך שטרויכלונגען,
מיט פֿאַרבלוטיקטן פּנים
צום ראַנד געקומען.

אַ תּפֿילה אויף דײַן אַש,
ווי אַ קראַנץ וועל איך לייגן,
אין יענע פֿאַרשעלטן,
וואָס פֿעלשן אויפֿן הימל
דײַן נאָמען.

אָט איז דער טאָג

אָט איז דער טאָג.
דער מענטש פון דער ערד
קאָן שטערן אין הימל צעהענגען,
בערג מיט בערג צוזאַמענברענגען,
פאַרהאַלטן דעם ווינט,
אַ ריכטונג אים געבן,
באַשטימען די צייט פונעם לעבן,
באַליכטיקן נעכט,
פאַרטונקלען די זוניקסטע טעג
און רגעס צו שעהן דערהויבן.

אָט איז דער טאָג.
דער מענטש אויף דער ערד
האָט פליגל באַקומען.
נישט פון קיין אָדלער האָט ער זיי גענומען,
און נישט אויף זיינע אַקסלען
זיינען זיי געוואַקסן.
אין קוזניע פון חכמה
געשמידט זיי דורך הונדערטער יאָרן
און איז פון די פליגל
נאָך אַלץ נישט באַפליגלט געוואָרן.

גאָרנישט

גאָרנישט, וועלט, האָב איך פון דיר גענומען,
דריי מאָל גאָרנישט געגעבן;
זאָל דיר וויל באַקומען
מיין ווייניקייט,
וואָס וואַנדערט
אויף די אונטערוועגן פונעם לעבן.

דעם שמייכל אויף מיין פנים
געירשנט פון מיין מאַמען,
פון טאַטן די מחשבה,
די פשוטקייט פון זיידן,
און פון דיר, וועלט, נאָר בלויז
אַ פויסט —

באַפֿליגלטער משורר

לערן מיך זינגען אויף דיין שטייגער,
שענק מיר פֿון דיין ליד אַ סטראָף;
דאַרפֿסט נאָר זאָגן מיר דעם אָנהייב,
און איך וועל ציען ביזן סוף —
באַפֿליגלטער משורר.

דער בוים, דיין היים, איז פֿול מיט לידער,
ווייל ער נערט זיי מיט זיין זאַפֿט,
דערפֿאַר האָט דיין געזאַנג אַ האַפֿט,
באַפֿליגלטער משורר.

און איך וויים בין אָפּגעשטאַנען
פֿון דיין זאָרגלאָזן געטשוויר,
ווייל דער טרויער לעבט אין מיר,
באַפֿליגלטער משורר.

לערן מיך זינגען אויף דיין שטייגער
אויף אַ שפּאַן פֿון רוים־געצווייג,
וואָס איז ברייטער, פֿולער און גרעסער
פֿון מיין וועלט — דער ענגסטער שטייג,
באַפֿליגלטער משורר.

שרודבאָרוו, 1961.

דער שמידער פון הימל

דער שמידער פון נאַכטישן הימל
שטייט ביי אַ וואָלקן־קאָוואַדלע -
שמידט זיינע שטערן.

עס ברענט די „פלעיאַדע",
איבערגעקערט איז דער „וואָגן".
וויפל ער האָט פון אים
פייער געשלאָגן —
די נאַכט
אויף אַ האָר קאָן נישט ליכטיקער ווערן.

כ׳האָב אויפגעכאַפּט דיין בליק

כ׳האָב אויפגעכאַפּט דיין בליק
פון פאַרגעסנקייט אַרויס,
אַ שמייכל האָט אין אים געררוט,
אַ טרער געגליט.

ווען אַ שטערן פאַלט אַראָפּ,
גייט דער הימל אָפּ אין בלוט;
כ׳געדענק נאָך ווי מיין קאָפּ
אין דיינע ווילדע אָרעמס האָט גערוט.

כ׳האָב דיך נישט באַוויינט,
נישט געריסן קריעה,
כ׳פיל זיך אין מיין נעכטן, אין מיין היינט,
ביסט די פליגל פון מיין שווונג;
באַגלייט מיך אין מיין וועג
אפילו צום שאול תחתיה.

דיין נאָמען נישט געקריצט אויף שטיין,
ס׳קאָן נישט מער מיין דמיון דיך
מיט לייב באַלייבן.

ווען איך זאָג: ביסט פאַראַן,
גענאַר איך זיך אַליין,
אַבי דו זאָלסט
אין אַ ווייטן, ווייטן שטערן
לעבן בלייבן.

ביינאַנד

מיר זענען געגאַנגען ביינאַנד
דורך וויסטעס און זאַמדיקן גלי;
אין ערגעץ אַ באַרגיקן לאַנד
אַן אָדלער פאַרענדיקט זיין פלי.

מיר האָבן צוזאַמען געשפּרייזט
דורך אומוועגן קרומע צעצווייגט;
אַ טאָג האָט די אויגן פאַרגלייזט,
אַליין אויף זיי שערבלעך געלייגט.

מיר האָבן געשפּאַנט און געשפּאַנט
דורך לאַנגער שטאָק־פינצטערער נאַכט,
מיט דורשטיקע לאָגלען אין האַנט
און טירן געטראָפן פאַרמאַכט.

מעת־לעת נאָך מעת־לעת איז אַוועק,
נישטאָ נאָך דער אָנהייב פון סוף;
איך האָב דיך פאַרלוירן אין וועג
און קלעטער צום סוף ווי אין שלאָף.

איך קאָן דיינע טריט נישט דערגיין
אויף וועגן פון ווינט און פון ווי;
שוין בעסער צו שטאַרבן אַליין,
ווי לעבן און ליידן פאַר צוויי.

קלויסטער־מאָנאַכן

פאַרקרומטע פּנימער פון קלויסטער־מאָנאַכן
אַריינגעאייביקט אין שטיין;
דער וואָס געקאָנט וואָלט אייך לעבעדיק מאַכן,
איז טויטער, ווי דער טויט אַליין.

די פאַרשימלטע בערד צום הימל פאַרריסן,
איר פאַרפּלט צו געטער פון שטיין אַ געבעט;
ווען די ערד וועט נישט בלייבן ביי אייער צופיסן,
געדענקען וועט אייך אַ צווייטער פּלאַנעט.

ווען דער צווייטער וועט ווען עס איז אויך נישט בלייבן,
אַ דריטער געדענקען וועט אייך;
עס וועט אייך די פּען פון געשיכטע באַשרייבן
מיט מאַמאָטן צוגלייך.

דערווייל איז די וועלט נאָך נישט אונטערגעגאַנגען
(כאָטש, קאָן זיין, אַז איר סוף איז נישט ווייט);
אין חלום איר האַלט נאָך מיט גליאיקע צוואַנגען
דאָס אַלטע געראַנצלטע לייב פון דער צייט.

פאַרפרומטע פּנימער פון קלויסטער־מאָנאַכן
אַריינגעאייביקט אין שטיין;
דער וואָס געקאָנט וואָלט אייך לעבעדיק מאַכן,
איז שיכור פון בלוט, ווי פון הייליקן וויין.

העלדין מיינע

כ'האָב דיך, העלדין מיינע,
אין די בלעטער פון אַ בוך געפונען.
איך זע דיך דערנעבן
און ווייס נישט ווי אַזוי
איך זאָל דיך אויפברענגען
פון טרוים צום לעבן.

כ'האָב דיך, העלדין מיינע,
אין די שורות פון אַ בוך געפונען.
וואָס־זשע ביסטו פלוצלינג נישט געבליבן?
ווי — דו ביסט פון ביכל אויסגערונען!
אַן נשמה
האָט אַ שרייבער דיך באַשריבן.

שאָטן

אָנגעטונקלט האָט אַ נאַכט
און אַ שאָטן צו מיין טיר געבראַכט.
ליגט דער שאָטן ווי אַ שפּין,
דערלאָזט נישט צו מיין הויז די זון.

דרינגט ער־אין מיין שטוב אַריין,
בלייבט קיין אָרט פאַר זיך אַליין.

וואָס־זשע איז מיט אים דער מער,
ווער געשיקט האָט אים אַהער?
ווער געשיקט? — ער לאַכט זיך אויס;
— איך קום פון דיר אַליין אַרויס.

דער מענטש

אַלעמען עס טראָגט די זעלבע ערד,
אין אומגליק, גליק, איז אַלעמען באַשערט,
נאָר יעדער איז פאַר זיך, פאַר זיך אַליין,
דער אַנדערער — איז אין וועג אַ שטיין.

דאָס בלוט ביי אַלע גלייך איז רויט,
פאַר אַלע גלייך — דאָס לעבן און דער טויט;
ס'איז קיינעמס וועג מיט בלומען נישט באַשטעלט,
און שטענדיק אָטעם עמעצן פאַרפעלט.

ס'איז יעדער מענטש אַ וועלט פאַר זיך אַליין,
אַ שאָטנדל אַ קליינס אין זונען־שיין,
וואָס פלאָנטערט זיך צופוס פון צייטן בלויז
און לעשט צום סוף פון זיך אַליין זיך אויס.

עס טרעפט

עס טרעפט —
דאָס קלענסטע ווינטל וואַרפט מיך פון די פיס,
אין אמאָל
קאָן קיין שטורעם מיך נישט בייגן.
ווען איך רעד צו דיר, פריינד,
איז נישט דערפאַר,
ווייל רעדן איך מוז.
דאָס איז אַן ענטפער בלויז
אויף די פראַגע־צייכנס
פון מיין שווייגן.

די שווייגנדע שפראַך
האָט קיין אָנהייב,
קיין ענדע.
זי הייבט מיך אַרויס איבער זיך,
איך ווער
די לויכטנדיקע זון
פון אַ לעגענדע.

עס געשעט —
אונטער וואָלקנדלעך פון מיין געמיט
איך ווער פאַרהוילן —
און אַמאָל
די האַרטע ערד דערפילן מיינע טריט.
ס'עמלט זינג איך דאָס געזאַנג,
וואָס קיינער
האָט מיר זינגען נישט באַפוילן.

אויף טונקעלע וועגן

אויף טונקעלע וועגן
וואָיעט דער ווינט מיט אַ וואָלפישן קול;
לבנה אין הימל
שפּאַצירט אין אַ פּעלצל פון שעפּסענעם וואָל..

אונטערן פענצטער
ליגט אַ פאַרשיכורטע האָריקע נאַכט;
די טיר פון אַ חלום
דער שלאָף האָט פאַר מיר אויפגעמאַכט.

איך טראָג זיך אין לופטן,
און הער פון מיין פליען דעם פליגל־געפּאָך;
דער ווינט אין מיין שאָטן
מיט פּאָלעם צעפלאַטערטע שלעפּט זיך מיר נאָך.

מיר יאָגן זיך ביידע
וועלט איין און וועלט אויס איבער שטאָק איבער שטיין,
ביז אַ בלענדיקער מאָרגן
שליידערט די זון מיר אין פּנים אַריין.

ווילנדיק

ווילנדיק דעם שקר באַזיגן,
האָסטו דעם אמת
מיט גאַל
פון דיין מויל אויסגעשפיגן.
נישט געוווסט,
אַז עס האָט פון דיין שפיי
דער שקר אַ מלכות געבויט
אין מיטן דער וועלט;
נישט פאַרשטאַנען,
אַז דו האָסט ביי זיין טיר
גוטע מלאכים
מיט טייוולאָנישע פליגל
פאַר וועכטער געשטעלט.

דער שאָטן פון מיין זיידן

דער שאָטן פון מיין זיידן
האָט צעקאָפּנס מיין שלאָף זיך געשטעלט,
ווי פאַרהיטן מיך פון שלעכטס
ער וואָלט מיט דעם מיינען: —
וועד ווייסט, מיין אייניקל,
דו לעבסט אין אַ וועלט,
וואָס שטערן פון הימל
וועלן זי אַמאָל פאַרשטיינען.

דער שאָטן וואַקסט פאַנאַנדער
אין דער ברייט און אין דער לענג
און צייכנט אַרום מיר אַן עיגול: —
זיידע, זיידע,
מיט דיר איז מיר נישט ענג,
איך זע דיינע הענט,
ווי לעבעדיקע פליגל.

דער שאָטן צום דוכענען
די פינגער הייבט אויף,
אַנטקעגן זיינע אויגן,
ווי ברענענדיקע שטערן.

מיין טויטער זיידע, האָב איך דען די ווערט
דורך דיר
געבענטשט צו ווערן?

האָסט אַמאָל דיינע הענט
פֿאַר מיינע טריט געשפּרייט,
זיי זאָלן נישט נכשל ווערן.
אפשר ביסטו, זיידע, דורך אַש פון דער צייט
דעם חומש געקומען מיך פֿאַרהערן?
אַלע גלויבנס האָב איך אויסגעגלויבט,
געבליבן אַליין אַן אָפּגעגאַרטער גלויבן;
איך האָב אויף דיין קבר די לוחות צעשטויבט,
דו קומסט אין מיין חלום
די שערבלעך אויפקלויבן.

ווינטער־פּייזאַזש

אַ ווינטערדיקע נאַכט אינדרייען איינגעהאָרבעט
אויף אַ דאַך האָט זיך שלאָפן געלייגט,
האָט אָנגעשלייכט אַ טאָג אויף די לענדן אַ טאָרבע,
אין ליידיקע ביימער זיך אַריינגעצווייגט.

האָט זיך אויפגעכאַפּט די נאַכט פון דאַך ווי אַ פּאַרסמטע.
אַנטלאָפן צו דער שוועל פון אַ פאַרמאַכטער טיר;
איז אַרוים די זון, אַ פראָסטיק־אויפגעפלאַמטע,
און צאָרנדיק זי אָפּגעקערט פון איר.

אַ טאָג אין שנייען־פעלץ גייט אום איבער די הייזער
מיט רחמימדיקע אויגן און בעטנדיקע הענט;
ערגעץ אויף אַ שייד־וועג אַליינקט דער דערלייזער
מיט פאַרפרוירענער וונד צו וועלט געווענדט.

זיין דערנער־קרוין דער ווינט האָט פון קאָפּ אַראָפּגעריסן
איבער ווייסע פעלדער מיט איר ער אַנטלויפט;
אַ קראָ האָט זיך געשטעלט ביי זיין שנייאיקן צעפיסן
און קראָקעט אַ תפילה צו זיין טויבקייט אַרויף.

דער טאָג הייבט זיך אויף אויף אַ פייערדיקער לייטער,
ער טראָגט מיט זיך גליאיקע רענדלעך אַ זאַק;
די נאַכט קריכט אים נאָך — אַ פאַרטייעטער באַגלייטער —
מיט אַ שאַרפער לבנהדיקער האַק.

טויטע שטאָט

(דעם קינסטלער אַפּעלבוימען)

לײדיקע גאַס,
הימל איבער איר,
שטערן און זון נישט געצונדן.
פֿאַלט דער ווינט אַהין אַרײַן.
פֿירן אים ווענט
ווי אַ בלינדן.

פֿון געוועזענע פֿענצטער אַרויס —
צעלעכערטע שאַרבנס;
ס'איז אַנטלאָפֿן פֿון דאַנען דער טויט,
נישטאָ ווער עס זאָל שטאַרבן.

קיין פֿרייד,
קיין שרעק,
קיין מרה־שחורה;
עמעצער גליווערט אין מיטן וועג,
ווי אַ שטיין פֿון סדום און עמורה.

אַנטלאָפֿן פֿון שטעכל־דראָט,
פֿון פֿלאַמען —
עס איז אים דער שאָטן פֿון שטאָט
צו חלום געקומען.

שטייט אין מיטן וועג אַ קינד —
זיין שפּילצייג דאָ פאַרבליבן,
ווען מען האָט אים מיט צערייצטע הינט
אויף יענער זייט לעבן געטריבן.

אין שטיינערנער טויבקייט
שלאָגט אָן אַ קול
פון הימלען אַראָפּ.
פון ערדישע טיפן —
אַ ביין פון יחזקאלס ביינער־טאָל
צו תחית־המתים
ווערט גערופן.

ווי אַ קראַנקן־שוועסטער

מיט וואָלקנדלעך ווייסע באַנדאַזשן —
ווונדן גרייט צו פאַרהיילן,
ווי אַ קראַנקן־שוועסטער
קוקט לבנה פון הימל אַראָפּ
אויף נאַכטישער ערד,
וואָס שלאָפט ווי אַ קינד
און קאָן קיין צוויי נישט ציילן.

אַ וואָלקן־סייסמאָגראַף
מיט שטערן־כתב
פאַרשרייבט פון דער ערד
יעדן אָטעם־צוג –
מטושטשע געדאַנקען.

מיט הינער־טריט די שטילקייט טרעט,
עס ליגט די וועלט אין הימל־בעט
אַ שטערבלעך־קראַנקע.

זייב נישט אויף דעם מידן

ווען נישט אויף דעם מידן פון צעקאַפּנדיקן שטיין —
אויף די פליגל פון אַ חלום
קאָן אַ גאַנצע וועלט פאַרלוירן גיין.

גראָז-געלעגער אינעם פעלד
היילינקט שטילע שעה
פון וואַנדערערס רו.

ווען נישט אויף דעם מידן פון צעקאַפּנדיקן שטיין —
רתמימדיקע הענט
נעמען אים אַרום.

ווען אָפּגיין וועט דער שלאָף,
קאָנען זיינע דורכגעשפּאַנטע טריט
זיך אָפּרייסן פון וועג
און יאָגן זיך נאָך אים.

תמימות פון פאַרמאַכטע אויגן —
ריר נישט אָן.
זיי באַשאַפן וועלטן.
עפן נישט די אויגן-לעפּלעך פון דעם מידן —
זיי וועלן זיך פאַרשעלטן.

אַלץ האָט אַ זין

אַלץ האָט אַ זין,
דאָס זיין און נישט ווערן;
באַווייזט זיך די זון,
פאַרלעשן זיך שטערן.

דער בוים אויפן באַרג,
דעם וואַלד וואַקסט אַריבער,
די רגע פון פרייד
פון שעהן איז ליבער.

אין שטיין נעבן וועג
דאָס געשריי פון דער וועלט איז פאַראַנען,
דורך טירן פון נעכטיקע טעג
וועט דער מענטש
צו זיין אורשטאַם דערשפאַנען.

דריי אשמורות פון נאַכט

לבנה מיט גאָלד באַליישט
אין הימלדיק פעלד,
נאַכט אויף אשמורות דריי געטיילט,
אויף שמירה געשטעלט.

שטילקייט מיט באָרוועסע טריט.
קרישטאָלענער שלאָף.
אויף צווייג פון אַ חלום בליט
פון מאָרגנדיק ליד
אַן אָנהייב־סטראָף.

ערשטע אשמורה קלאַפּט אין טיר,
וואָרקעט ווי אַ טויב:
ווי און ווינד איז מיר,
דער אייזל מאַכט מיך טויב.

צווייטע אשמורה קלאַפּט אין טיר,
חושך מאַכט זי בלינד,
הימל שפּאַלט זיך איבער איר,
דאָס לייב צעריסן פון הינט.

לא־יחרץ־נאַכט!
ווי קומט אין דיין גבול
אַן אייזל־געשריי,
אַ הינטיש געביל?

די דריטע אשמורה ליגט אויף דער שוועל,
פון זינען געריהרט וועקט זיך דער שלאָף.
דריי וועכטער פון נאַכט
צוקאָפּנס דער וועלט
מיט פינצטערניש געשטראָפט.

נישט איך בין עס

אויב אויף שייד-וועגן פון טאָג און נאַכט
אַ דראָענדיק קול דו הערסט —
גלויב מיר, עס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט —
נישט איך בין עס.

אויב אַ פּנים שווימט פאַר דיר אַרום
מיט ווילד-צעצונדענע אויגן —
גלויב מיר, אַ מיראַזש איז עס בלויז —
נישט איך בין עס.

אויב האָריקע הענט דו זעסט,
און אין גאַנצן וועזן פון בייז אַ סימן —
נישט איך בין עס.
דאָס איז דער אורזיידע
פון דער הייל אַרויסגעקומען.

טויזנטער פאַרוואָסן

איך שטיי פאַר טויזנטער פאַרוואָסן,
מיין וועלט גייט אויס אָן ווידוי.
נישטאָ, נישטאָ אַזעלכע מאָסן,
וואָס מעסטן זאָלן
די טיף פון דער ירידה.

מיט טויזנטער מחיצות כ׳בין אָפּגעזונדערט,
מיין אָנהייב געווען איז פון עפּעס אַן אַנדרע.
כ׳בין די שווערד אין האַרץ פון אַ יאָרהונדערט,
דער עמוד אש
פון אַ וויטער לעגענדע.

איך וועגן פון עבר —
דער סוד פון מיין ווערן
טליעט אין אַש
פון געלאָשענע שטערן.

וועמען פאַרבייט איך?
ווער וועט מיך פאַרבייטן?
אַ קין און הבל צוזאַמען
אויף אַלע זייטן.

פון ביידן עבר
ביידע אין מיר הויזן.
די רעכטע האַנט
גראָבט פאַר עמעצן אַ קבר,
די לינקע לייגט אויף אים
אַ בינטל רויזן.

צום מוילוורף

נישט לאַנג נאָך
אין דיין ערדישער נאָרע
פון טאָג־ליכט
וואָלט איך גערן אנטרינען,
אפילו מיין אייגענער שאָטן
זאָל מיך נישט געפינען.

איצט,
אין רחבותן שטיי איך געהילט,
זינג פון פעלד און וואַלד,
זון און שטערן,
און דו אונטער מיר
װעם אָטעם פאַרטייעסט
דערוואָרגן צו ווערן.

חיהלע קליינס,
זיי מיר מוחל.
כ'בין בלויז אַ מענטש,
איז וואָס דער וונדער?
מען זאָגט דו ביסט בלינד.
גלויב מיר —
פון דיר בין איך בלינדער.

עולם־הזהניצע וועלט

עולם־הזהניצע וועלט,
ביסט אַרויס פון זיך אַליין,
אין רינגען פון מעת־לעתן
אין הימל, זיך פאַרגעסן.

אַמאָל אויף דיין קאָפּ
איז די זון אַ קרוין געווען,
אַפילו די פינצטערניש
דורך ליכט האָט דיך געזען.

עולם־הזהניצע וועלט
אין הימלם הענגל־וויגן —
וויפל לידער פון דיר אויסגעטראַכט
און וויפל אויסגעשוויגן!

צי דו שטייגסט אין דער הויך,
אָדער נידערסט אין תהום אַריין,
ווייסטו זיך אין ערגעץ נישט פאַרלירן —
ביסט די פאַרלוירנקייט אַליין.

מיין הומרדיק ליד

נאַכט אויף דער ערד,
הימל רעגנט מיט שטערן;
מיין הומרדיק ליד
וויל נישט צוביידע געהערן.

מיין הומרדיק ליד —
וווּ מיט דיר אנטרינען?
איך האָב דיך פאַרלוירן,
דו — מיך געפונען.

אין שטילן פעלד
געריייפט ווי אַ זאָמען
האָט דאָס וואָרט
אָן אַ נאָמען.

און וואָרט מיט וואָרט
געקייטלט אין רינגען.
מיין הומרדיק ליד,
האָסט מיך
פון זיך אויסגעזונגען.

שרודבאָרוו, יולי 1964.

פאַרהימלטער וואַלד

פאַרהימלטער וואַלד,
בענטש מיך, בענטש;
כ'בין קיין בוים —
בלויז אַ מענטש.

בליסט און גרינסט
אַ יאָר אַ גאַנצם —
אויף קאָפּ פון צייט
אַ טרויער־קראַנץ.

פאַלט פון דיר
אַ צווייג אַראָפּ,
שטאַרבט מיט איר
דער וואַלד נישט אָפּ.

ווען עס שטאַרבט
אַ מענטש נאָר בלויז,
לאָזט מיט אים
אַ וועלט זיך אויס.

שרודבאָרוו, יולי 1964.

גאָרנישט

וואָס קאָן איך פון דיר פאַרלאַנגען?
עס פירט נישט צו מיין וועלט דיין טיר;
זי וועט דיר נישט באַלאַנגען.

נעגל, ציין ביי דיר,
ווי ביי אַ חיה;
אַמאָל דעם טייוול שלעפסטו אין דיין קרייז אַריין,
אמאָל — דעם שם־הוויה.

כ'האָב געזען
פויזען אויף דער ערד דיין שאָטן,
כ'האָב אים אויפגעהויבן.
האָסט דערפאַר מיר אָטעמען פאַרבאָטן —
ווי קאָן איך דיר גלויבן?

כ'האָב געזען דעם אויבן־אָן דיך פאַרנעמען,
פון דיין קאָפּ שפּראָצן חכמה־שטראַלן.
און כ'האָב פאַר זיך אַליין געטאָן זיך שעמען —
ווי הויך,
ווי הויך דו ביסט אַראָפּגעפאַלן...

שרודבאָרגוו, יולי 1964.

דער אַפּאָסטאָל

שטייט אויף אַ פעלז אַ פרומער אַפּאָסטאָל
מיט ליידיקייט אַרום
און קוקט אַראָפּ אין אַ טיפן טאָל —
אַז אָך און וויי איז אים!

הענט און פיס פון שימל־שטיין,
אַלע וועגן קרום.
שטייט ער ווי די פיין אַליין —
אַז אָך און וויי איז אים!

תפילה־שטויב און וואָלקן־בערג
נידערן אַראָפּ;
האַלט דער אַפּאָסטאָל די בערג
אונטער מיט זיין קאָפּ.

ווינט און זון, זון און ווינט,
דורך נעפּלען פון דער צייט
לעשט זיך מדבר־בליק און צינדט
די נאַכט פון אייביקייט.

פון הימל טיפער איז דער טאָל,
פינסטער זיין סוד,
גליווערט פרום דער אַפּאָסטאָל
מיט זיין געזאַלבטן גאָט.

מויל פון שטיין שעלט און בענטשט
לײדיקײט אַרום.
גוססט שטיל דער אַפּאָסטאָל —
אַז אָך און וויי איז אים!

שרודבאָרוו, יולי 1964.

אין חלום

אין חלום
איז דער שטיין
פון קישן ווייכער,
דער קרומסטער וועג
פון גלייכסטן גלייכער.

אין חלום
אַ רגע
דערפירט צו הויכע וועלטן.

די אייגענע רגע
אויף וואר
קאָן וועלטן פאַרשעלטן.

אין חלום
ווערן זעעוודיק פאַרמאַכטע אויגן
אין דרייפאַביק ברענט
די פאַרב פון רעגנבויגן.

איז גרעסער די פרייד,
טיפער דער ווייטיק;
שטערן פאַרוועלקן,
זונען ווערן צייטיק.

אין חלום
גרינער דער זאָמען
אין פעלד פון דמיונות.

די וואָר —
אַ דאָרן
אין האַרץ פון בעל־חלומות.

שרודבאָרוו, יולי 1964.

וואַלד

אין בראשיתדיקן וואַלד
געוואָקסן זענען שלאַנגען,
די נאַקעטקייט פון וועלט
איז אין אים אַרומגעגאַנגען.

דער בראשיתדיקער וואַלד
האָט דעם פייגנבלאַט געבוירן,
און דו — זיין אייניקל —
איז דיין שאָטן עס פאַרלוירן.

זיינע קרוינען זענען גרינע,
זיינע שטאַמען — ברוינע
אין דיין נאָדלדיקער שוים
ליגט די נאַכט אַ זונה.

האַלט ווי אַ נאַשוואַרג
די לבנה אין איר מויל
און אירע בליקן — שאָטנס
זענען שוואַרץ ווי קויל.

קוש איך אירע ליפּן,
גלעט איך אירע האָר —
איך, דער נייער אדם —
צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

שרודבאָרוון, יולי 1964.

קיינמאָל נישט באַגעגנטער

קיינמאָל נישט באַגעגנטער פון אַלע ווייטן,
זיי מיר נאָענט,
איך נויג מיין געהער צו דיין שטומען לשון,
אויף סטרונעס פון ווינט געטראָגן.
ווערטער גערעדטע
ייערן אויסגעלאָשן,
נישט גערעדטע —
פליגל פאַרמאָגן.

קיינמאָל נישט באַגעגנטער,
איבער גרענעצן פון דאַנען
מיין געדאַנק
אין דיין טראַכטן איז פאַראַנען.

אויף יענער זייט
פון אויסגעטרוימטע ימען זיבן,
האָסטו די צוים
פון דערווייטערטקייט צעבראָכן.

ווי זאָל איך דיך רופן —
מקונן, אָדער וועלט-באַזינגער?
איך פיל דיין טרער —
דאָס בלוט פון דיין געזאַנג
אויף מיינע פינגער.

שרודבאָרוו, יולי 1964.

שקיעה

בינען־געריוש,
שמעטערלינג־פליטער
אין דער לופטן הענגען.
וואָלקנדיקער שמיד
האַלט די אַקס פון וועלט
אין פייערדיקע צוואַנגען.

דער טאָג איז ווי אַ ליד
און ווייכן אָטעם
פון שטילקייט
אויסגעגאַנגען.

מיר דאַכט,
איך ווער אַ בוים
און די צווייגן — מיינע הענט —
דעם וואַלד באַלאַנגען.

כ'קאָן מיין שאָטן נישט דעריאָגן.
ער הייבט זיך אויף
און שוועבט
און שוועבט —
ווו וועט איר פליגל
פון מיין דמיון
מיך פאַרטראָגן?

שרודבאָרו, יולי 1964.

מיט לאָגלען דורשט

מיט לאָגלען דורשט אויף אַקסלען,
שפּאַנען מיינע פּיס
אין זאמד אריינגעוואָקסן.

פון וועג,
וואָס לאָזן זיך קיינמאָל נישט אויס,
פון א כישוף־וועלט
חלומט זיך א גאָט ארויס.

נישט פון הימל
נישט פון ערד געקומען —
שטיי איך א פארווירטער
און זוך פאר אים א נאָמען.

עס טונקלט מיט נאכט,
שקיעה־פלאמען צאַנקען;
שטיי איך ווי דער באַרג און טראכט
מיט שטיינערנע געדאַנקען.

שרודבאָרוו, יולי 1964.

וועלט־געזאַלבטער

שאָטן וואַקסט פון ליכט אַרויס,
זענען ווערן הינטער זיך פאַרלוירן.
וועלט־געזאַלבטער, מייד מיך אויס,
נישט ווער אין מיר אַריינגעבוירן.

כ׳בין אַ דאָרן־קוסט
מיט שטעכיקייט אַרומגענומען,
אויף אַליינקייט געלאָזן.
נישט קום צו מיר.
אויף וועגן פון דיין קומען
זאָל דיין טריט אַ ווינט פאַרבלאָזן.

כ׳רייס אַראָפּ פון זיך דיין פּרצוף —
זאָל ער דיר אַליין געהערן.
ווען דו שמייכלסט,
דיינע שמייכלען זענען שוואַרצע,
און סם־המות דיינע טרערן.

וועלט־געזאַלבטער,
פלוידערער געקרוינטער!
ווייך מיין תּהום אויף אַלע צייטן.
אויב איז מיר באַשערט,
אַז אין מיר
בלייבן זאָל פון דיר אַ ניצוץ בלויז –
אין גאָרנישט
זאָל איך זיך פאַרבייטן.

ישׂראל־באָרוויי, יולי 1964.

צום פויגל

ברעכט זיך אונטער דיר די צווייג —
פארמאָגסטו פליגל צוויי.
שפּאַלט זיך אונטער מיר די ערד —
פאַרמאָג איך הענט א פּאָר
אַז אָך און וויי!

עס זענען קיין גרענעצן פאר דיר פאַראַן —
פליסטו צו דער זון.
פאר מיר איז יעדער שפּאַן
א פראַגע-צייכן —
ווער איך בין.

פליגל פון אייזן ביי מיר.
פון דיינעם העכער איז מיין פלי —
אַז אָך און וויי!
טשווירקע,
משווירקע.
קליינע דיינע פליגל,
קליינע —
גאָר געבוירן ביסטו מיט זיי!

אָדלער

אָדלער,
כ׳וועל אויף דיינע פליגל
מיינע פים נישט בייטן;
טראָג זיי דיר געזונטערהייט,
ס׳קאָן געשען —
מיינע טריט
זאָלן מערער פון דיין פלי באַדייטן.

מעכטיקער אָדלער,
דער הימל איז דיין,
פון אונטער אים
אַלע פייגל קאָנסטו טרייבן.

דו אין דער הייך,
איך אויף דער ערד.
מיר וועלן נאָך זען,
ווער פון אונדז
וועט הינטערשטעליק בלייבן.

כ'קען דיך נישט

כ'קען דיך נישט,
כ'ווייס נישט ווער דו ביסט,
נאָר כ'פיל, ,
ערגעץ איז אזא פאראנען,
קאָן זיין,
גאָרנישט ווייט פון דאנען —
איך זוך דיך אומזיסט.

גרויסער פרעמדער,
כ'ווייס נישט —
ביי טאָג,
אָדער ביינאַכט —
מיט וועלכן וועג
וועסט אמאָל קומען.

נאָר כ'גלויב,
ס'וועט געשען,
כ'וועל דיך פלוצלינג דערזען —
מענטש
וועט זיין דיין נאָמען.

דער שאַרפסטער געטראַנק

דער שאַרפסטער געטראַנק פאַרשיכורט בלויז,
נאָר וואַר, הוילע וואַר איז דאָס לעבן;
זע, עס בליט אַ בוים ביי מיין הויז,
נאָך דיר איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן.

זיין שלאַנקער שטאַם איז ענלעך אויף דיר,
ווי ביי דיר — צעשויבערט זיינע לאָקן;
אַזוי ווי דו פון מיינס אַ באַריר,
פון קלענסטן ווינטל ער ווערט דערשראָקן.

ווען ער רוישט — מיר דאַכט ער טרוימט דיין טרוים
אויף בלויע דמיונות געפלויגן;
ווען כ'זאָל נישט וויסן, אַז דאָס איז אַ בוים,
שווערן איך וואָלט, ער פאַרמאָגט דיינע אויגן.

דער שאַרפסטער געדאַנק ווערט אויסגעוועפּט,
די וואָר — דער שטויב אונטער רעדער פון יאָרן.
אין דיר אַליין מיין וועלט האָט געלעבט,
נאָר דיינע אין מיר איז חרוב געוואָרן.

10.3.1964.

אַ גאָט אויף דער עלטער

גאָט אויף דער עלטער,
האָט ליב געהאט כאפּן אין גלעזל אַ בליק,
פארשיכורט די וועלט אין אַ שענק און
איינגעשלאָפן.

זענען פון היכל טיר און טויער געבליבן אָפן,
האָט געכאפּט מיין נשמה בגנבה אַ שלוק און
אנטלאָפן.

וויי און ווינד —
אַ גערירטן פון זינען,
אויף בערג מיט שטויב
האָט מען מיין גאָט געפונען.

דער ווינט

א פריש־געטובלטער ווינט
פלעכט גרינע צעפּ
אויפן קאָפּ פון א יונגער בערעזע,
דעם שטויב פון אונטער איר
ער טראָגט אין פעלד אוועק.

און די בערעזע,
אין ווינט פארליבט,
פארגעסט
וויפל מאָל
ער האָט דאָס לעצטע בלאַט
פון איר אראָפּגעריסן,
זי געלאָזט
אויפן פראָסט אַ נאַקעטע שטיין.

פאַרליבט געווען אין דיר

פאַרליבט געווען אין דיר —
שווערן?
כ׳האָב עס שוין איינמאָל געטאָן.

ביסט מיר געקומען אנטקעגן
פֿון דאָרט,
ווו דער טאָג הויבט זיך אָן.

פאַר הימלישע ווענס
פֿאַסט נישט קיין ערדישער שאָטן —
איך האָב דיר די זון אָנגעבאָטן.

אין שטילע שעהן
מיט שווינגנדיקער שפּראַך
גערעדט צו דיר —
האָסט נישט פאַרשטאַנען מיין לשון.
מיין הארץ האָט געברענט,
און איך
האָב פייער מיט פייער געלאָשן.

ריף פון מיינע ריפּן

אַ וואָרט ווי סם
איז אראָפּ פון מיינע ליפּן
און אין דיר
אַ פייער אָנגעצונדן.
כ׳האָב נישט געמיינט דיך —
ריף פון מיינע ריפּן —
כאָטש נישט נאָר ליבע,
אויך האַס האָט אונדז פארבונדן.

נישטאָ קיין גן־עדן אויף דער ערד,
קיין גיהנום אין הימל,
און די מעשה שלאנג
איז בראשיתדיקן שימל.

כ׳האָב א בים געטאָן דעם עפּל אין דיין האַנט
איך טראָג מיין שטראָף געדולדיק —
וואָס ביסטו שולדיק?

מיר זענען דער קיום־העולם.
איך — דער האַר,
און דו —
א ריף פון מיינע ריפּן.

כ׳בין נישט בייז אויף דיר דערפאר,
וואָס דיין ערשטער קוש
פאַרסמט האָט מיין האַרץ
און דערפרייט מיינע ליפּן.

ווּ דוּ זאָלסט נישט זיין

ווּ דוּ זאָלסט נישט זיין,
אין וואָס דוּ זאָלסט זיך נישט קליידן,
קען איך דיך ווי זיך אליין,
דיך און דיין עלטער-זיידן.

ער איז אין וואלד געשלאָפן,
ווען געוועלטיקט האָבן גאָט און שטן;
האָט אים דער באשעפער אויפן עק אָנגעטראָטן,
איז ער אין א מענטשן-הויט אנטלאָפן.

פון דעמלט — ווויי איז אים! —
ער הערט נישט אויף זיך זוכן.
עפנט צום הימל א טיר
און צו קיין שפּיץ פון א בוים
קאָן נישט דערקריכן.

אַ חלום

יעקב, יעקב,
דיין חלום ליי̤טערט
אויף אַרויפֿן און אַראָפּן,
און דער שטיין פֿון דיין וואָר
אונטער מיין צעקאָפּנס.

און דער שטיין
וויפֿל מאָל
מיין קאָפּ צעשלאָגן.
פֿון מאָרגנשטערן
ביז זון־פֿאַרגיין
אויף די פּלייצעס כ׳מוז אים טראָגן.

יעקב, יעקב,
איך טראָג דורך וועלט
דיין פֿערצן־יאָריקן עבודת־פּרך.
דיין לאָהן האָט מען דאָס פּנים פֿאַרשטעלט —
אירע געוויינען הער איך.

און רחלען
נישט זוך —
דיין זוכן בחינם;
זי טאַנצט אַ טוויסט
נעבן פֿאַרשאָטענעם ברונעם.

שטשעטשין, 11.8.1964

מיין יידיש קינד

קלאַרען רויטענבערג

דיין מויל —
אַ רייפע טויב,
אלבאסטער דיין פנים.
אויף אים
דער שמייכל —
א ליכטיקע טויב.
דיין קול —
געזאנג פון פויגל אין וואַלד,
דיין בענקענדיק הארץ —
שטילע שעה
פון זון-פארגאנג.
יונגע רויז,
בלי אין גאָרטן פון לעבן
מיט זון,
אין ווינטלם צארטן באריר.
מיין יידיש קינד,
מיר זאָל זיין פאר דיר!

יעקב צו רחלען

יאָרן האַרבע —
צו דער ערד זיך נישט געבויגן.
איצט שענק איך דיר מיין בעטלער־טאָרבע
פּאַר אַ בליק פון דיינע אויגן.

קוועלנדיק וואַסער אין דיינע קריגן —
מיין האַרץ איז דאָרט באַהאַלטן.
אויב איך זאָג דיר, רחל, ליגן —
זאָל אַ בליץ מיין קאָפּ צעשפּאַלטן.

פאַרוואַקסענע וועגן —
כ׳האָב אויף זיי געטראָטן.
געגאַנגען דיר אַנטקעגן —
דער ברונעם פאַרשאָטן.

דעם שטיין פון אים אַרונטערגענומען,
ער איז פון מיין האַרץ געווען גרינגער;
צווישן אים און דעם ברונעם —
אן אבל דיין באַזינגער.

רחל, רחל!
פאַרצוקט איז דיין סטאַדע געוואָרן,
פאַרבליבן באַגריבערטע פליינען,
און דיר אויף שיידוועג פון יאָרן
באַשערט דיינע קינדער צו באַוויינען.

אויף די פעלדער פון אָשוויענטשים

I

אויף די פעלדער פון אָשוויענטשים
איז דער טאָג אַן אַרעסטאַנט,
און די זון —
אַ געלע לאַטע אויף זיין פּלייצע.
הינטער אַ בלינדן באַראַק,
צעריסן פון הינט צערייצטע,
ליגט די נאַכט
מיט אַ נומער אויף דער האַנט
און מגן־דוד אויפן אָרעם.
לבנה
מיט אַ טויטן־צייכן אויפן קאָפּ,
און מאָנאָקל אינעם אויג
קוקט אַרויס
פון אַ וועכטער־טורעם.

אונטער הימלען פון אָשוויענטשים
נישט פייגל טראָגן זיך,
נאָר זשמודן צעפלויגענע האָר
זוכן אַרום די פאַרברענטע קעפּ,
וואָס פון זייער אַש
איז לאַנג שוין נישטאָ קיין שפּור.
דאָ, אויף די פעלדער פון אַרבע מיתות,
בליט נישט אין פרילינג קיין בוים,
אין האַרבסטן וועלקן נישט קיין בלעטער,

ניש טאָ קיין פריער, קיין שפּעטער —
אַ שעה שטאַרבט אריין אין אַ שעה.
אויף צוימען פון שטעכיקן דראָט
הענגט אַ פאַרברענטער
עמעצנס געקעפּטער רוים. —

II

אַביינדל האָב איך געפונען. —
וועמענס חוט־השדרה איז דאָ צעבראָכן געוואָרן? —
יאָרן איז דאָס ביינדל געלעגן
אויף שמאָלע „הימל־וועגן",
ביז אין מיין האַרץ
איז עס צו קבורה געקומען.

אויף די פעלדער פון אָשוויענטשים,
אַ בית־עולם שטילער,
פון דאַנעט איז דער טויט אַליין אַנטלאָפן.
מיט נאַקעטקייט באַדעקט
מיליאָנען שאָטנס שלאָפן.
איבער די שאָטנס,
אונטער זשאַווערדיקן סקריפּ פון וואַגאָנעס
און קולות,
וואָס רייסן פאַנאַנדער די הימלען,
דערגרייכן די ערדישע טיפן,
צעשטעלט די באשטיוולטע פיס,
אַ בייטש אין האַנט:
„לינקס, רעכטס!" —
דיריגירט אַן אויבער־מאַלפּע, —

ווײַ דיר,
פּראָמעטײַ!
צופוסנס דיין פעלז
דרייפאַכיק בלוטיקן לאָז דיינע וווּנדן —
אויף דער ערד פון אָשוויענטשים,

מיט דיין פֿײַער,
האָט אַ משוגענער טעווטאָן
פֿאַרן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
קרעמאַטאָריעס אָנגעצונדן.

אָשװיענטשים, אויגוסט 1963.

אַ טויטער בוים

גערענקסט מיך נישט? —
מיט יאָרן צוריק כ'האָב אויף דיין שטאַם
מיין נאָמען אויסגעשניטן.

ווו איז דיין קרוין,
די צווייגן —
וואָס דער היימישער ווינט
האָט געקילט,
ווען חמימה
האָט דיין לייב געברענט?

קיין רויש,
קיין ריר מיט אַן אבר,
א טעפּעכל מאָך —
דיין קבר.
קומט אַ פויגל,
שנאָבלט דיין קאָפּ,
פאַלט דיין צעטריקנטע הויט
ווי טרערן אַראָפּ.

נישט אויפגאַנג דיך פרייט,
נישט אין דיין געבלעטער
אומעטיקט אָוונט-גלי,
דאָך

טיף זענען דיינע וואָרצלען.
און מיינע —
ווו זאָל איך זוכן,
ווו? —

ווען דו זאָלסט

ווען דו זאָלסט מיר
אויף אַלע הייליקייטן שווערן,
אַז דיין חבר
ווי זיך אַליין האָסט ליב,
אַז דיין ברויט
וועט זעטיקן דעם הונגער פון נאָענטן
און דיין הויז פאַר דעם מידן
וועט אַ נאַכטלעגער זיין;

אַז דעם,
וואָס אין דער פינצטער בלאָנדזשעט,
וועסטו באַווייזן דעם גלייכן וועג,
און פאַר דעם געפּלאָגטן —
אַ מליץ זיין;

ווען זאָלסט מיר אויף דעם
מיט טויזנט שבועות שווערן, —
וועל איך דיר נישט גלויבן,
ווייל אַלע הייליקייטן פון הימל און ערד
האָט דיין אייגן מויל פאַרשוועכט.

דער רעדנער

ס׳איז אַוועק אַ שעה,
אַ טאָג, אַ נאַכט,
האָסט נאָך אַלץ דיין מויל
נישט צוגעמאַכט.

אויב ס׳איז מיר באַשערט
דיך אויסצוהערן ביזן סוף
און גאָרנישט האָבן געהערט, —
מסתמא קומט מיר אַזאַ שטראָף.

ווער האָט עס אָפּגעשטעלט די צייט?
ווער האָט מיך פון שלאָף געוועקט?
איך שריי:
רעספּעקט!
און נאָכאַמאָל רעספּעקט!
פאַר דעם עובר בטל
און זיינע קלינגעוודיקע רייד.

פאַרלאָשן ליכט

דאָס פאַרלאָשענע ליכט פון פאַרגאַנגענע דורות
האָב איך ביי דער שוועל פון מיין חלום געפונען.
אין אַש ביז די לענדן האָט דער יוצר המאורות
פינצטערניש פון דאָרט אַרויסגעשפּונען.

איבער אים דער טלית פון הימל-תכלת
און אַ ווינט האָט געריסן פון זיין קאָפּ די עטרה
אויך אַ גאָט פון חטאים נישט פריי איז
און טראַכט מיט געדאַנקען נישט קלאָרע.

מיר האָט זיך געדאַכט:
זיין טראָן איז פאַרטונקלט מיט ווידוי —
די וועלט אַרום זיך און זיך אַליין ער פאַראַכט
פאַר די בייזע און רחמימדיקע מידות.

איצט זע איך אים נישט מער, כאָטש דער הימל איז אָפן,
און כ׳וועל אין חצות זיין בת-קול נישט הערן.
ס׳האָט אַן ערדישער יעגער געצילט און געטראָפן
אין אויג פון זיין ליכטיקסטן שטערן.

שטשעטשין, 29.4.1965.

בלעם

אין געבערג פון ארם
פלאַמיקט אַ שטיינערנע שקיעה,
אויפן אַש פון אַ תקופה
אַ צווייטע רייסט קריעה.

אונטער הימלען פון מואב
ליידיקט די צייט,
ווי אַ דורשטיקער לאָגל.
קיינער האָט דיך נישט גערופן
אין דו האָסט
אין פרעמדע געמאַרקן פאַרוואָגלט.

צום אָרט פון דער שעלטונג
דיין אייזלס שטומקייט
האָסט מיט שלעק איבער וויסטעס געטריבן;
פאַר דיר האָט געמאָרגנט די ווייט,
הינטער דיר איז די קללה פאַרבליבן.

איז מלאך מיט שווערד אין דער האַנט
דיר געקומען אנטקעגן —
געטרייטלט דיין אייזעלע האָט
צו אַ נאָך נישט געוועזענעם לאַנד
פון אַ פאָלק אונטערוועגן.

דער מדבר צעקרישלט די ציין פון שאַקאַל,
פאַרהענגט אין דער לופטן

דעם שפרונג פונעם טיגער —
האָסטו געביטערט מיט רייד,
ווי מיט גרינער גאַל.
ביז דיין אייזל געוואָרן איז קליגער.
כ'האָב בלעמס געזען שוין א סך,
נאָר מיט אייזלשע קעפּ,
און געהערט,
ווי דיין אייזל, זיי רעדן.

שטשעטשין, 18.2.1966

טרוימען

דער שענסטער טרוים
אָן פליגל איז אָרעם.
ער נעפּלט אין צווישנוועג פון יאָ, און ניין,
דעם טרוימער חלומט זיך
פון איידל־שטיין אַ טורעם,
דעם מלך — אַ קרוין,
דעם הונט — אַ ביין.

דעם דורשט פון גיריקן
דערטרינקט די וועלט אין זיינע אויגן־אַפּלען;
פאַר דעם זוכנדיקן נישט־געפינער
איז די ערד צו קליין.
דער קאַרליק חלומט
זיך אַליין אַריבערצושטאַפּלען,
דער וואָגלער בלויז
פון אַ צוקאָפּנס־שטיין.

דער שוואַכער זוכט אַ גאָט,
וואָס זאָל אים ווי אַ ווארעם שפּייזן;
דער חכם און דער מוילוואורף
גראָבט אין דער טיף.

דאָס פּנים פון פרעדיקער
איז פאַרצויגן מיט אַ שמייכל.
זיינע רייד,
ווי דער גיפט אין די ציין פון אַ שלאַנג.

דער שׂכל אַליין
איז העכער פֿונעם שׂכל,
און פֿלאַטערט אויפֿן ראַנד
פֿון אונטערגאַנג.

שטשעטשין, 20.2.1966

ווינט-געזאַנג

בלינדע הימלען
רעגנען מיט שטיל געבעט.
אויף ציטער-גרעזל
טריפט אַ טרער.

דאָס אויג פון דער ערד —
א בעלמעדיק אויג —
טונקלט צו די שטערן אַרויף;

די געטין פון שירה.
אין אַ צעדריוולטן קלייד,
הייבט זיך פון פוילעניש אויף
און שעה נאָך שעה פאלן אָפּ
ווי בלעטער
וואָס ביי דער זייט פון וועגן פוילן.

און זי
יאָמערט אַרויס דאָס געזאַנג,
וואָס דער ווינט
האָט איר זינגען באַפוילן.

וואַנדערער אין מיר

וואַנדערער אין מיר,
נעם זיך אין וועג אַריין.
ס'האָט אָנגעוווּנקען דאָס אויג
פון אַלע דיינע וויגל־טעג
און נעכט,
ווי קישנס פון אומרו
ביי דיין צעקאָפּנס.
וויפל טריט דו וועסט שטעלן,
אַזויפיל מאָל
באַגעגענען זיך אַליין —
וואַנדערער אין מיר,
נעם זיך אין וועג אַריין.

אין מדבר פון שטיין
איז אַ קוואַל פאַראַן.
שטיל אין אים דיין דורשט
אומגעשטערטערהייט.
וועט דיר שאָטן פעלן —
די זון וועט דיר אַ שאָטן זיין.
וואַנדערער אין מיר,
נעם זיך אין וועג אַריין.

אין רויש פון ווינט
דיין קול וועסטו הערן.
פון הימלדיקן בוים
אַראָפּפאַלן וועט אַ שטיין.

אַ שטערן פֿאַלט,
ערגעץ בלייבט זיין שיין. —
וואַנדערער אין מיר,
נעם זיך אין וועג אַריין.

* *
*

איך שטאַם פון דער אויסדערוויילטער אומה,
כ׳בין ערוב פאַר דער וועלט,
פון אָנהייב יצירה.
פאַר אַלץ, וואָס אויף איר לעבט,
פאַר אַלע ציינגער שטומע,
אַ באַרופענער צו זינגען שירה.

פאַרטריבן פון גאָט —
כ׳טראָג אויף זיך דעם עונש
פון מיינע עלטער-זיידעס.
ווי טשאַטעס פלעדערמייז
באַגלייטן מיך די יאָרן
אויפן וועג צו אַ חלום,
וואָס טונקל זיין באַשייד איז.

מלאכים און טייוולאָנים
צעבראָכענע געטשן וואַרפן מיר צופיסן.
נאָר איך וועל דעם צורת-אדם נישט אָפּטאָן פון מיין פנים —
איך האָב נאָך קיין קריעה
נאָך זיך נישט געריסן.

פ א ע מ ע ס

פּיוול דער שוסטער

I

אויף יענער זייט פּריפּעט, און בוצין און וואָלקע —
ווי נאָר אינעם שטעטל זיך שטעלט דער יאַריד,
אריינוואַרפן שוועך אין זיין שטוב איז א שפּילקע,
עס קאָכט — ווי מען זאָגט עס — ביי א גוטן ייד.

באַהאָנגען די וואַנט מיט פאַפּירענע מאָסן,
אַ ריח פון דזשעגעכץ, מאַכאָרקע און יוכט,
זיין פריידל — דער קיסר אליין מעג אים עסן —
אַ וואָס פאַרא באָרשטש אויף אוקראַיניש זי קאָכט.

פאַרבלאָטיקטע לאַפּטשעס און סערמיעגנעם גראָבע,
אמאָל פאַלט אריין פונעם הויף דער פאַניטש.
אויף יאַגד אַ פּאָר שטיוול און גיך דאַרף ער האָבן —
עס פעלט, ברוך השם, נישט קיין גלעזל מאָהאַריטש.

צו „פערדישע“ הערינג מען ברעכט פאָלעניצעס,
עס פּילט זיך דער פּויער אזוי ווי ביי זיך;
עס קוויטשקען פאַררויטלט ווי בלוט מאָלאָדיצעס,
וואָס פּיוול א מאָס נעמט אויף חתונה־שיך...

די גרעבליע צעליימיקט, און שקראַבעס אויף שקראַבעס,
כאָטש נעם און צעצי זיי די טעג פון דער וואָך,
אָפּט קומט אויך אוים אויף דער שוועל פונעם שבת
נישט ווילנדיק מאַכן אן איבעריקן שטאָך.

אַ שאָד יעדע רגע. ווען דען, אז נישט איצטער?
ער רוט נישט מעת־לעתן, דער שווייס פון אים טריפט;
אז צייט וועט נאָך קלעקן צו גיין א פארפוצטער,
די הענט אויפן הינטן און שלינגען די לופט.

צו מנחה און מעריב אַמאָל אין אַ שמיטה
ער טוט אין בית־מדרש א כאַפּ זיך אריין —
צעשאָקלטע בערד און צעהיצטע געמיטער,
מען שפּרינגט זיך ווי הענער אין צורה אריין.

ער לייגט צו אַן אויער און הערט מיט די אויגן —
נישט דער און נישט יענער ביי אים זענען גערעכט.
צו וואָס זאָל דער שוחט דער אַלטער נישט טויגן —
דעם אָקס איז א חילוק דען ווער אים עס שעכט?

אין קהלס געשעפטן ער שטייט פון דער ווייטן,
אריינגעשטעקט איינמאָל ער האָט נאָר די נאָז. —
„פון ווען האָט א דראַטווע א דעה ביי לייטן,
וואָס זאָגט איר נישט עפּעס צום שטאָט־באַלעבאָס?“

און פּייוול דער שוסטער איז ווייט פון א פרומען,
דאַנילאַ, זיין גאָט, גייט ארום אויף דער ערד;
ר׳האָט קיינעמס נישט קאַטשקעס פון וואסער פארנומען,
זיין האַמער, דאָס איינציק פארמעג, אים געהערט.

דאָס טונקעלע קליינע ווערקשטאַטל — אַן עמוד,
זיין „זינגען און זאָגן“ דערגייט ביזן מארק.
עס מאכט זיך מיט עברי נישט גרינג איז אים תמיד,
ער קלעטערט דורך איר אַרויף אויף אַ באַרג.

פון אונטער דער חרובה א גריל העלפט אים אונטער,
און ער אין אלף השישי פארגייט.
אַזוי זיצט ער אַפּ אויף זיין בענקל דעם ווינטער,
אַנטלייט נאָך אן איבריקע שעה ביי דער צייט.

די שויבן מיט ביימער און בלימלעך באַשלייערט,
אין ווינקל פון סטעליע דערקויטיקט א פלעק.
דער טאָג, ווי א פעסל מיט קרויט איינגעזייערט,
פאַרקייקלט זיך פרי צו די „מאָלקעס“ אַוועק.

באַוויזט זיך א שכן, מען דרייט א „ציגייער“,
די ליפּן מיט אָקרעפּ א גלאָז מען באַנעצט,
דערוויסט מען זיך, ווער ס'איז אוועק מיטן פייער
און ווער פון די סוחרים געמאַכט האָט א „זעץ“.

אז קרוב לטאָרבע שוין באַלד איז רב שעיה —
„די לייכטער אפילו פאַרנומען פון טיש“,
פאַר אלטע פּאָדאַטקעס, פאַר חובות פאַר נייע —
ער דרייט זיך ארום אויפן מאַרק ווי צעמישט.

און כאָטש א גביר האָט דאָס האַרץ אין דער פּיאַטע,
נאָר ער האָט זיך קענען געלאָזט אין דער שטאָט;
א קבצנס א הייזל מיט ברעטער פאַרלאַטעט,
געהילין אויפן ווינטער געשיקט פאַר דער באָד.

אז מען האָט ביי דעם קנעפּל באַדאַרפט עפּעס פועלן —
קיין פּאַסיקער מענטש נישט געווען איז ווי ער. —
א ייד פלעגט א קעלבל אין שטאַל ביי זיך קוילען,
א „פרעמדער“ אמאָל האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער.

וואָס אמת — ער וויל גאָר נישט זיין קיין מחותן
מיט פייוול דעם שוסטער, עס שטייט אים נישט אָן.
א טעכטערל האָט ער צו גאָט און צו לייטן,
אַ שידוך ער וואָלט מיט איר גערן געטאָן.

אַפרים, א בחור זיך נישט צו פאַרשעמען,
אין ווילנע געלערנט, אן אָפּענער קאָפּ!
א וואָרט אויסצורעדן נישטאָ דאָ מיט וועמען,
כאָטש גיי, מיינע שונאים, פון זינען אראָפּ.

נאָר איינמאָל אין אָוונט געשען איז א מעשה —
„מיט זיך“ ער שפּאַצירט און דאָס האַרץ אין אים בענקט.
א פּעך-שוואַרץ באַקרויזטע מיט פּנימל ווייסן
פאַרביי אים זי גייט און א שמייכל אים שיקט.

פון דעמלט, ווען טונקל הייבט אָן נאָר צו ווערן,
פון הויז אירן שעהנווייז טרעט ער נישט אָפּ;
ער לאָזט נישט די בליקן אראָפּ, ער וויל הערן
איר קול, און דערזען אינעם פענצטער איר קאָפּ.

און ווייבער זי טראָגן אַרום אויף די מיילער,
מען שושקעט זיך שטיל, אויפן ווונק מען פאַרשטייט.
איינער זיך דאַכט, אַז „איר טאַליע ווערט פולער“;
דער צווייטער, אַז „זי איז שוין באַלד אויף דער צייט“...

מען האָט זיי שוין ביידן אפילו באַגעגנט
אין וועלדל העט-ווייט, נעבן לודמירער וועג.
און פייוול דער שוסטער ער זאָגט זיך דערוועגן:
„ס'איז ליבע, קאָך לאָקשן, און פּטור אַן עק“.

נאָר פּרוווט דאָך אַמאָל מיט אים מאַכן אַ טענה:
„דו שטאַמסט דאָך פון הראַטווע בן דראַטווע און גאַר,
איז בעט איך דיך, ענטפער מיר אקאָרשט, מיין תנא —
צי איז דען א שוך מיט א לאַפּטשע א פּאָר?

א שיינע, נו. יאָ, מען זאָל אויספאָרן לענדער,
און חכמה געלערנט זיך אזש אין פּאַריז.
איז גלויבט זשע, ווען זיין זאָל אין מיר עס געווענדעט,
וואָלט גאָלדענע שיכלעך באַשוכט אירע פיס.

פון שעיהן, איר טאַטן, עס פּילט זיך מיט יחוס,
איז קאָן זי, זיין העניעלע, אנדערש דען זיין?
נאָר דאגה נישט, ווען מען אן „אומגליק“ באַשערט איז,
וועט קומען אליין, נישט געבעטן, צו גיין.

דאָס איז דיר, אפרים, נישט פריידל דיין מאמע.
איז הער־זשע מיט שכל זיך צו, מיין בנאָק:
א ווייב וואָס געוווינט איז צו זייד און צו סאַמעט,
מוז דער מאן שטיין פאר איר „פּאָד קאָזיראָק“.

אפרים דעם טאטן דערוווידערט נישט קיינמאָל,
ער זאָגט נאָר — „אין לעבן האָט יעדער זיין וועג.
דאָס עפּעלע פאלט טאקע נאָענט פון ביימל,
נאָר קייקלט אמאָל אין דעם ווייט זיך אַוועק“.

II

דאָס שטעטל מיט תמוזדיק בלוי איז באַהויכט,
אין אייגענעם פייער די זון ווערט פארברענט;
דער פריפּעט פארטריקנט, אז קוים וואָס ער זשיפּעט,
עס וויאַנעט דער טאָג איבער פלויטן און ווענט.

פון ווייטן עס שמעקט מיט מאַראנצן די וויקע,
א גריל לאָזט זיך הערן פון טרוקענעם גראָז;
א בינען־געזשום איבער שניי־ווייסער גריקע,
דער ראנד פונעם הימל ווי מאטעווע גלאָז.

די הייזער פארדרימלטע אונטער די דעכער,
דער שאָטן פון ביימער — א פינגער די גרויס;
אין בלאָטע צעלייגט האָט זיך א דבר־אחר,
און אייגל זעט זיך פון אים נאָר ארויס.

מיט ווערטלעך עס ווארפן זיך איבער די קרעמער:
„ס'איז טאטע, דו לאכסט, צום געלעכטער איז וויי“.
און פייוול דער שוסטער ווי פון א באַלעמער,
די „ניסים“ פון זיידן דערציילט ער פאר זיי:

„אמאָל אין זיין שטוב האָט א לץ זיך זאנאדיעט
און כלומרשט באשטעלט ביי אים שטיוול א פּאָר,

באצאָלט מיט אַ שמיצל אריבער אוודאי,
וואָס מיינט איר? מיט ערדענע שערבלעך און גאָר.

זאָל זיין אין גן־עדן די באָבע מנוחה
דאָס ברויט און די חלה אויף שבת פארקנעט —
די דייזשע איז לײדיק און — פײוױשקע חכם,
גיי זע, וואָס דיין ווייבל געטאָן האָט אין בעט!"...

וואָס זאָל איך אייך ברייען, עס העלפט נישט קיין שפּרעכער.
ביינאכט, ווען ער זיצט ביים ווארשטאט אליין,
די אויגן אים קריכן ארויס פון די לעכער —
עס שטעקט דורכן פענצטער א צונג זיך אריין.

מישב מיין זיידע, ער וועט אים שוין ווייזן. —
ער קומט אלעמאָל אין דער אייגענער צייט.
ווי נאָר עס וועט ווידער די צונג זיך באווייזן —
א מעסער ער האלט אין דער האנט אָנגעגרייט.

נו, נו. אויף צומאָרגנס אן אומגליק, א חורבן!
אין שטאל דאָס געפעס, די בהמה — אין קיך,
אין קאַמער געפּאַלן עס זענען א קרבן
די נעזער פון נאָרוואָס פארענדיקטע שיך...

און פייוול דערציילט, און דער עולם ווערט מערער,
אויך בענדיק דער פויקער אַ וואָרט וואַרפט אַריין,
און הערשל דער שניידער, אברהמל דער שערער,
וואָס דאָרט ווו מען בעט אים נישט קומט ער אליין...

אברהמל, א מענטשעלע גרויס ווי א גראָשן,
און זייטיקט די אייגלעך אין יעדערער זייט,
קיין גרויסע בעל־דברן, איז טעמפּ אויפן לשון,
נאָר דינען בסוד איז ער „עמעצן" גרייט...

אין מאַרק איז אַ רעדל, נו, רעדט מען פאַרשידן,
אַן פליגל עס פליען די ווערטער אוועק,
און עפּעס נישט פויגלדיק האַלט עס מיט יידן,
חזירים פון סאָפּאַטשאָוו גרייטן שוין זעק...

איינער דערעגדיקט זיין זיפץ מיט אַ גענעץ,
אַ צווייטער פילזאָגנדיק זשמורעט אַן אויג,
אַז „גרייט איז די רויטע אַרמיי ביי דער גרענעץ,
אַז ווערן פון דייטשלאַנד וועט שטיינער אַ סטויג".

אַז היטלער, זאָל אויסגעמעקט ווערן זיין נאָמען,
„ער וועט נישט דערוועגן, מען האָט אים אין דר'ערד".
פאַרטראַכטן זיך יידן — „די שעה זאָל נישט קומען".
און צופּן, באַזאָרגטע אַ האָר פון די בערד.

III

אין שטעטל פאַרטאָגיקט, און שעפּטל דער גייער
פאַרנעמט זיך אויפן דאַרף מיטן שליאַך.
אין ערגעץ אַ הויז ברענט נאָך פריילעך דאָס פייער —
נישט גיך אַזוי ענדיקט זיך דאָרטן די נאַכט.

אַ שם האָט דאָס דאָזיקע הויז תנה־עטלס,
ווי עפּעס די שכינה וואָלט דאָרטן גערוט;
דאָס איינציקע אָרט פאַרן יינגוואַרג פון שטעטל
פון שאַרפע וויכוחים, פון וואָרט און פון ליד.

סטודענטן און לערער, און געסט פון דער סביבה,
און יידישע טעכטערלעך פון אַ „העכערן גראַד",
וואָס זוכן אין ריינער, „פּלאַטאָנישער ליבע"
דער תוכן פון „קודם יציאת הולד"...

און יונגען, ווי דעמבעס, וואָס שווערן זיי קאָנען
קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט קיינמאָל געטאָן,

נאָר וואַרטן אויף מיידן מיט גרויסע נדנים
און שאַרן זיך נעבן דער „גאָלדענער פאָן“.

אפרים דעם שוסטערס און העניעלע שעיהס,
אז „ברויט פון דעם קאָרן“ — מען זאָגט — וועט שוין זיין;
אזוינע, וואָס בענקען נאָך עפּעס א נייעס,
און ווילן זיך לערנען די וועלט צו פארשטיין.

און ביכער אויף ביכער, און נעמען אויף נעמען,
עס מישן אין היציקע מיילער זיך אויס.
קיין איינער פון זיי קאָן זיך דאָ נישט פארשעמען,
נאָר — לענין קומט שטענדיק דער זיגער ארויס...

דאָס אויער פון נאכט לאָזט קיין קלאנג נישט פארלוירן,
כאפּט אויף דאָס געזאָגטע פון יענער זייט וואנט;
פאַרזשאַווערטע שלעסער אויף אייזערנע טויערן
עס מאָלט אין דער פינצטערניש עמעצנס האנט.

IV

אויף פעלדער, באַסטויגלט, גאָלדיקט די תבואה,
און זעלטן אַ פור סקריפּעט דורך דורכן שליאַך;
א פויער אמאָל נאָר, ווי אויף א רפואה,
אין שטעטל פארבלאָנדזשעט נאָך עפּעס א זאַך.

א בושל קרייזט איבער זיין נעסט אין אן עיגול,
א וואָלקנדל פּעדעמט זיך אויס אין דער הייך,
און שוואלבן צעשטיפטע, מיט שפּיציקע פליגל,
צעשניידן די פלאך פון פארחלומטן טייך.

דעם קאָפּ פון א יונגער און שלאנקער בעריאָזקע
קרויזלט די האנט פון פארשלאָפענעם ווינט;
פון וואַסער ארויס טוט א זילבער, א פליוסקע
אַ פישל נישט זעלטן און ווידער פארשווינדט.

און „פּאַרלעך“ אזוי זיך, „די צייט צו פאַרטרייבן“,
מען שיפלט לעגגאויט מיטן פריפעט אַוועק,
אַמאָל א מעת-לעת אָדער מער צו פאַרבלייבן,
ווי זאָגט מען אין שטעטל: „אין דר'ערד אויפן עק“.

אברהמעלע שערער, קיין צוויי קאָן נישט ציילן,
נאָר זעלטן ווען טרעפן מען ווען אים אין שטוב;
אַ „שטילינקער“, קריכט ער אפילו אויף מיילן,
אַזוי זיך שפּאַצירן אַליין האָט ער ליב...

נישט איינמאָל בייגאַכט איבער דאָרפישע וועגן
אַ שאָטן באַוועגט זיך פאַרגנבעטערהייט;
אַ פויער אין לאַפּטשעס, „פון זיכערקייט וועגן“,
ער נעמט זיך אַוועק מיטן וואַלד אין אַ זייט.

דער נאַכטישער וואַלד קאָן אנטשלאָפן נישט ווערן,
געזאַנג זיינע פייגל אין צווייגן דערשרעקט,
און ווערטער, פאַרבאָטן צו רעדן און הערן,
זיי טראָגן פון דאָרטן זיך ווייט נישט אַוועק...

און נאָכדעם זיי שפּרינגען אַרום אויף פּאַפּירן,
נישט ווייט פון דעם טראַקט אין באַאָדלערטן הויז;
פון דאָרטן דער וועג קאָן אין ערגעץ נישט פירן,
ווי נאָר הינטער פענצטער פאַרקראַטעטע בלויז.

איז איינמאָל — דאָס שטעטל נאָך טיף איז געשלאָפן
מיט גאָלד האָט דער ווענוס אין הימל געגליט —
פון פרעמדע געשטאַלטן, מיט ביקסן באַוואָפנט,
דערטראָגן האָבן זיך באַשטיוולטע טריט.

און לעמפּלעך, ווי אויגן פון מלאך-המות,
וואָס נישטערן עפּעס פון אונטער דער ערד.
דאָס בערדל ביי פּיוּולען מען צופּט אויף „קאַטאָוועס“,
און אַלץ אין זיין שטיבל איז איבערגעקערט.

אויך העניעלע שעיהם, דעם יורד אין שטעטל,
מען בעט פון איר ווייכן געלעגער אַראָפּ;
פון שטיבער צו שטיבער מען גייט מיט אַ צעטל
נאָך זין און נאָך טעכטער, „ווי אויגן אין קאָפּ“.

דער „פּויער אין לאַפּטשעס“ ווי גאָרנישט געווען וואָלט,
פאַרנומען, ווי שטענדיק, אין זיין שערעריי.
און מאַמעס מיט קללות און טאַטעס פאַראַבלט
שאַרן זיך, ווי נאָך אַ לוויה, פאַרביי.

אַ גליענדע זון אינעם טייך טוקט זיך אונטער,
פון דאָרפישע פורלעך אַ סקריפּען זיך טראָגט —
דאָס רייסט מען פון כאַטעס די דעכער אַרונטער,
אין קייטלעך געשלאָסן נעמט אויפגיין אַ טאָג.

ביי פּייוולען דעם שוסטער אַ קברותדיק שווייגן,
דאָס העמערל לאַנג נישט גענומען אין האַנט.
איז טאַקע נישטאָ וואָס אין מויל אַריין לייגן —
אַ נס, וואָס אַמאָל אַ ידיד זיך דערמאָנט.

דאַנילאָ, אַרכיפּ, אָדער סתם זיך אַ פּויער,
אַ פּערטעלע קאָרן מען וואַרפט אים אַריין,
און טרייסטן זיין פריידלען אין מאַמעשן טרויער
און לאָזן איר וויסן — זי איז נישט אַליין..

אַ פּלוצלינגער „שניי“ אירע האָר האָט באַשאָטן,
עס פּראָסטיקט ביי פּייוול דעם שוסטער די באָרד;
זיין זון ער וואָלט גערן אין תפיסה פאַרטראָטן,
אַבֿרהמל דער שערער וואָלט לעבן פאַרשפּאָרט.

זיין פריידל דעם קאָפּ אינעם קישן באַהאַלטן,
עס טרייבט אים פון שטיבל אַרויס און אַריין;
צי וועט זיין אפרים צען יאָר איבערהאַלטן,
צי וועט ער אַ לערער אין שטעטל נאָך זיין? —

דעם קאָפּ אין די הענט מיט בליקן, וואָס גליען,
ער קוקט אַ פאַרקלערטער אַרויס אויפן וועג.
אַמאָל קומט אַ פויגל פון ערגעץ צופליען
און זינגט פון זיין פענצטער דעם טרויער אַוועק.

„געדאַכט זיך, דער נפש קיין וואָרט קאָן נישט רעדן,
אין דער ערד ווי אַ באַרג איז די וועלט, וואָס אים טראָגט.
אַ מלשין, עס קומט אים די צונג אויסצושניידן —
אַזוי האָט דער רבי אין חדר געזאָגט".

געבלייכט האָבן קילע און שפּעטע פאַרטאָגן,
מיט שנירעלעך קרומע די שויבן באַנעצט;
„עמעץ" געבראַכט אַ פּאַפּיר האָט צו טראָגן,
און נאָכדעם האָט פּייוול זיך שבֿעה געזעצט.

און פריידל, מיט בליקן געלאָשענע פאַר זיך,
נישט אָפּטרעטן טאָר מען פון איר אויף קיין טראָט.
זי שווייגט, נאָר מיט פויסטן געבײַלטע זי רייסט זיך
צום שוערער אברהמל, דעם מסור פון שטאָט.

V

די צייט איבער אַלץ אויף דער ערד שפּאַנט אַריבער,
און שטאַרקער דער מענטש איז אפילו פון שטאָל;
דאָס וויינען אויף מתים ביי אָפענע גריבער
פאַרגייט, ווי דאָס לעבן אַליין, מוז אַמאָל.

דורך דער גרעבליע צעווייקטע עס שלעפּן זיך וואָכן,
ביי פּייוולען אין מות עס פלעמלט אַ סוד —
ער האָט מיט זיין האַמער די לוחות צעבראָכן,
אויף שטויבלעך צעפּיצלט דאָס זעקסטע געבאָט.

אברהמלען נאָכדעם מיט אַ קאָפּ אַ צעפּלעטן
געפונען אין וואַלד האָט ביי זריחה די זון.
פון פּייוול דעם שוסטער געערדט האָט דאָס שטעטל,
דעם גואל־הדם פון אפרים זיין זון.

שטשעטשין, דעם 30 יוני 1962.

אַלטע ערד פון יונגן ווייסל־לאַנד

I

ס'איז זומער ניינצן פיר און זעכציק איצט.
דער קאָרן הייבט אָן אָנרייפן אין פעלד
און עס רייסט זיך צום ליכט
אַלץ, וואָס אונטער פינצטערניש געווען פאַרהוילן.

הער דאָס קול, וואָס שלאָגט זיך אָפּ,
ווי אַ בשורה אין געהער פון וועלט:
„עס איז נאָך נישט פאַרלוירן פוילן!"

באַיאָרטע ליפּע־ביימער
מיט זונען־בענדער אין די קעפּ,
אויפגעיינגערט שטייען זיי
אין גרינע שפּאַלערס זיך אַנטקעגן.
עס האָט אַ שטיפער־ווינט
אין קאָראָהאָד פון זון אַריינגעשלעפּט
אַ פאַרביק־טאַנצנדיקן קרייז
אויף אַלע דיינע וועגן.

עס האָבן מיינע זיידעס דאָ
דורכגעשפּאַנט אַ דורות צען;
דיין האָניק און דיין סם
אין זיך אַריינגעצויגן,
און נישט באַשערט געווען איז זיי
דערבליקן דיך אין דיין אַצינד
מיט מיינע אויגן.

II

נישט אײן באַצווינגער האָט אויף דיר געטרעטן,
נאָר דו ביסט אַלײן געבליבן די —
מיט זאַפט פון אויפבלי אין דיין טראַכט,
מיט ברויט און ליין,
מיט פויליש-רעדנדיקע קוויטן.

דיינע פרילינגס וויגן זיך אויף זונען-קייטן
און די האַרבסטן גייען אָפ אין גרינעם גאָלד;
דיין ווייַנשל-בוים —
מען קאָן נישט בייטן אויף קיין צווייטן.
וויפל שטורעמס האָבן איבער זיי געפלייצט,
נישט רירן פונעם אָרט געקאָנט.

צו דיין היינטיקייט עס בליקט אַרויס אַ ווייטער נעכטן,
ווי אַ זיידע, וואָס האָט זיין אייניקל נישט דערקענט.
זיידע און אייניקל — ווי אָפגעפרעמדט פון זיך איר זענט!
יאָרן האָבן אָפגעווינטערט, אָפגעזומערט,
אויף זיי געבליבן שטיינערנע סימנים;
דאָ און דאָרט אַ וואַלד, אַ בערגל שלימערט,
ווי אַ חנעוודיק פינטל אויף דיין ערדיש פנים.

זונען האָבן אויסגעברענט,
שטערן זענען איינגעטונקלט —
אַ זומער-טאָג אַזאַ ווי היינט
האָט זיך פון דער צייט אַרויסגעווינקלט.
אַ בלינדן יאָרהונדערט ער פירט ביי דער האַנט,
ער שלעפט זיך פויל איבער פעלדער,
ווי צו אָקסן צוגעשפאַנט;

איבער סטאַוועס יאָגן זיך שוואַלבן,
ווילד געפליגל אין טשערעט,
זשאַבעס אין די זומפן קוואַקען,
אין די וועלדער זינגען פייגל,

יעדער אויף זיין לשון רעדט
און דאָס פאַסטעך־פייפל
אין די שטילע ווייטן זיך פאַרגייט.
און יאַנקל אויף די סטרונעס פון געשיכטע
צימבלט אוים דעם ניגון פון דיין צייט.

געווען אויף דיין ערד זענען
קנעכטישע דערפער אמאָל,
אַ פויער אַ כאַם,
אַ קרעטשמער — אַ ייד.
די בייטש פונעם פריץ
האָט ביידע צוזאַמען געבריט.
די קראָ אויפן בוים
האָט געקראַקעט מיט שנאה
און בלוט פון דער זון איז גערונען.
אַ קרעטשמער אַ ייד, אַ פאַכטער אַ ייד,
דעם גורל אין די זעקלעך געשלעפט אויף די וועגן,
די קלאָג אויסגעקלאָגט אין מה־יפית —
פון חרפה דאָס ליד,
און עס איז זיי די חרפה
געקומען אנטקעגן.

דער קרעטשמער, דער פאַכטער
זענען אין רויך אויסגעגאַנגען.
עס שטראָמען די טייכן ווי דעמלט,
בלוי איז ווי דעמלט דער הימל
און טוט צו דעם אַלוועלט באַלאַנגען.

III

אַ וואַסערפאַל, וואָס טראָגט זיך באַרג־אַראָפּ,
קיין שום כוח קאָן אים נישט פאַרהאַלטן,
אין דיינע טעג, וואָס גייען באַרג־אַרויף,
וועט קיין שאָטן זיך נישט אויסבאַהאַלטן.

אין קייטן איז געווען געשמידט די צייט,
נאָר קאָן מען די צייט פאַרשמידן?
דו טריומפירסט איבער דער געפּלאַצטער קייט
פון פינצטערניש און ראַסן־אונטערשידן.

אַלטע ערד פון יונגן ווייסל־לאַנד,
זאָל זוניקן דיין יובל־טאָג,
ווי אַ טאָג אַזאַ דאַרף זיין.
דער פויגל אין זיין נעסט
איז היינט פריער אויפגעשטאַנען,
די שוואַלב איבערן וואַסער,
גלייך זי וואָלט פאַרשטיין,
אַז דער שוווּנג פון היינט אויף מאָרגן
אין איר עפליגל איז פאַראַנען.

די וועגן ליגן אָפן, אויפצונעמען די,
וואָס וועלן צו דיין שמחה פון דעם עבר קומען;
עס ליגט דאָך אין דיין היינטיקייט אַ טייל פון זייער מי,
כאָטש לאַנג נאָך זיי זענען וואַסערן פאַרשוווּמען.

אָט גייען זיי און גייען
מיט דרענגער און שפּיזן,
אין לאַנגע קאַפּאָטעס,
צעפלויגענע בערד,
פון קאַפּיטעס שטויבן די פּוילישע טראַקטן.
דאָס קומט בערעק צו רייטן
פון הינטער קאָצק אויף זיין פערד

נעם זיי אויף מיט ברויט און זאַלץ.
זיי האָבן אַמאָל די סאַטראַפּן געשלאָגן,
פאַרטריבן פון דיר די אולאַנער פון ווין;
נעם זיי אויף, נעם זיי אויף.
אָט איז זביטקאָווער שמואל,
אָט גייען די חכמי ישיבת לובלין.

און העמדלעך שוואַרצע מיט טשופּרינעס
פֿאַרהילכן די לופֿט מיט געשרייען „דאָלאָי!“
מתנותוויז זיי קומען אָן,
צווישן זיי שמידט, אַניעלעוויטש,
זיי טראָגן דיין היינטיקע פּאָן
און רעדן מיין לשון,
דעם לשון, וואָס האָט אויף דיין באָדן
ווי קערנער געדייעט.

VI

ערד פֿון ווייסלדיקן לאַנד,
לאָמיר זיי צום גוטן דערמאָנען.
איך הער זייער קול;
דאָס קול איז מיר באַקאַנט —
זיי זענען דאָך צווישן אונדז פֿאַראַנען.

און זאָל דיין גרויסן יובל=טאָג
דער ווײ, וואָס גליט אין מיר, נישט שטערן.
געדייען זאָל דאָס גוטע,
וואָס זאַפּטיקט טיף אין דיר,
און דאָס שלעכטע
צו דעם נעכטן זאָל געהערן.

אויף יענער זייט נעכטן

I

נישט ווייט פון טונעיאַדעווקע און גנילעפיאַטקע,
אויף יענער זייט נעכטן, הינטער דער ראָגאַטקע,
רחבותדיקע הימלען איבער ווייטן געבויגן
בלויען ווי טרוימען פון בענקענדיקע אויגן,
זומערן וועלדער מיט פייגל־זינגערייען,
צווישן טשערעדעס בריקעווען בוהייען,
פעלדער אויפגעמאָרגנט, טונקל־גרויע וועגן
לויפן צו די ראַנדן באַפייערטע אַנטקעגן.

און אויף די וועגן צווײ שאָטנס שפּאַנען,
ווייל הינטער דעם באַרג איז אַ חלום־לאַנד פאַראַנען.
און וועלן זיי דעם באַרג אַריבער בשלום,
איז אַ סוף צו דעם וועג, אינאיינעם מיטן חלום.

אונטערן אָרעם תּפילין און טלית,
און טאָרבעס אויף די לענדן פול מיט דלות.
צעפלאַמען זיך זריזות, גליען שקיעות,
וויקלען זיך צווייגן אין רויטע רצועות;
אַ כאַטע גייט אויף, אַ ברונעם, אַ שייער:
„אָ, סענדערל ליבער, סענדערל געטרייער,
אויב נאָר דעם באַשעפער פון אויבן איז ניחא —
מיניסטער וועל איך זיין אין מלך אביונס מלוכה.
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט, נעענטער ווי ווייטער
(קלעטערט בנימינס חלום אויף אַ לייטער),

דער פאַרבאָרגענער סמבטיון שליידערט מיט שטיינער,
אויף יענער זייט אַריבער איז נאָך נישט קיינער.

איז סענדערל — ווי נאָר דעם טייך פון אַלע טייכן
מיר וועלן, אם ירצה השם, דערגרייכן,
פיפערנאָטערס אָפּבינדן וועלן זיך פון קייטן,
מיט כבוד צום היכל פון מלך באַגלייטן.
בטחון, בטחון און נאָכאַמאָל בטחון!
מיר גייען צום יום־טוב פון לאַנגן אינדערוואָכן,
זון און לבנה, דאָס זענען דאָך פאַקלען,
באַלייכטן אונדז דעם וועג פון פרוזדור צום טרקלין.
אוי, סענדערל געטרייער, ביסטו דאָס תופס?
הערסטו נישט פון וויטן דאָס שאַלן פון שופרות?
און דו אין מיין פאַלאַץ פון גלאָז וועסט וויינען,
אויפן האַרעם פאַר ממונה איך וועל דיך קרוינען".

„אַ דורשטיקער איך טרינק דיינע רייד, בנימין,
איך גלייב, אַז מיין חלק וועל איך דאָרט באַקומען,
נאָר האָב נישט, מיין האַר, אויף מיר קיין פאַריבל —
איך פיל דעם גן־עדן־טעם און ברויט מיט קנאָבל.
צום מלכות אויף דער ערד נישט פלי דורכן הימל,
עס בעטן זיך די אויגן כאַפּן אַ דרימל;
לאַנג איז דער וועג, עס ווייטיקן די גלידער,
די פיס שטייען אָפּ, ווערן מידער און מידער".

„אוי סענדערל, איז ווער, אַז נישט מיר ביידע?
אַזוי האָט באַפוילן מענדעלע דער זיידע.
דער מלך וואַרט, איז הויב די רגלים,
אַ וואַלד מיט אתרוגים, אַ קוואַל מיט חיים".

II

עס שלעפּן זיך טעג, ווי געשפּאַנטע צו אָקסן,
רגע׳ס ווערן אין שעה׳ן איינגעוואַקסן
אין די אייגענע טריט נעמען זינקען די קנעכל,
אַ יאַגדע ביים וועג, אַ שלוק פון אַ טייכל,
נאָר עפּעס אַ קלאַפּן פון קאַפּיטעס הערט זיך,
אַ רייטער אין גאָלדענעם פּאַנצער זעט זיך.
„סענדערל, סענדערל! זיי זיך מטריח!
רייט נישט אַנטקעגן פון דאָרט אַ שליח?“

מיט געצוואָגענער באָרד און יאַרמולקע פאַרקאַשערט,
אַ יחסן, אַ תקיף קומט אָן אויף דער קליאַטשע
און צימבלט אויף סטרונעס פון פערדישן וויידל,
אַ חופּה־טאַנץ גייט דאָס האָרבאַטע מיידל,
און פּישקע דער קרומער, דער הקדש, די באָד
אַלץ נעמט זיך דרייען און שווינדלען אין ראָד;

אין מיטן, דער שטאָטישער באָק, דער בעל־טאַקסע,
עס דרייט זיך די וועלט מיט אַ טאָרבע אויף אַקסל,
דאָס קליינע מענטשעלע וואַקסט אויס אומעטום
און האָפּסעט אויף הילצערנע שטאָלצן אַרום.
די זון, אַ פאַרשוויצטע, אַ שמייכל פּאַרטאַיעט:
„עך, זשידקי, זשידקי, פּיעס וואָס זנאַיע!“

III

מיטן פּנים אַראָפּ אין קילן גראָז
כראָפּעט אַלטער יקנה״ז,
דער רויטער ממזר אין אַלדע עק
פירט זיין פערדל אויפן דראָזשניק אַוועק,
שאָטנס פון הינטער די ביימער אַנטלויפן,
ס׳וועט קיינער קיין בענטשערל מער נישט קויפן,
נישט קיין קמיע, נישט קיין קינה, קיין סידור —

אַ נאַכט איבער היימישע שטעטלעך נידערט.
מיט אַש אויף די קעפּ די באַוווינער פון חורבן
זענען אין גלופּסק און קאַבצאַנסק אויסגעשטאָרבן.
עס ברענט, נאָר עס קלינגען שוין דאָרט נישט קיין גלאָקן,
דער רויך האָט דעם פּלי פונעם פויגל דערשראָקן.
ס'וועט אַלטער אין שטעטלעך מער נישט פאַרפאָרן,
און פישקע פאַרברענט אין דער באָד איז געוואָרן. —
די בלעטער אין וואַלד, דער ווינט אין די רוימען
בנימינס און סענדערלס טרוימען דערטרוימען;
פאַרבליבענע טריט אין דער וועלט אַריין גייען,
די שטילקייט פון טויט איינגעהילט אין געשרייען...

זיידע מענדעלע מוכר ספרים!
וויפל חלומות באַגראָבן אין קברים
אויף וועגן און שטעגן פון הונדערט יאָר;
דאָ. אָ־ער דאָרט פאַרבליבן אַ שפּור
פון פאָלק, וואָס געוואָרן צו עפר ואפר,
נאָר לעבעדיק שפּאַרן אַרויס פון דיין ספר.

איצע חודש

I

באַגלייך מיט די הינער די טעג גייען שלאָפֿן,
פֿין ראַנד אַרויף קלעטערן אָונטן טריבע,
צעשייבערטע גערטנער פֿאַר אַלעמען אָפֿן,
פֿאַרייכט מען אַ דאַך, וואַרפֿט מען איבער אַ הרובע.

אין פֿוילעניש פֿייכטער צופֿוסנס פֿון שטאַמען
געפֿאַלענע בלעטער באַלייכטן די וועגן;
עס קימען באַגינענס געהילט אין טומאַנען,
ווי גויים מיט זעק אויף די קעפּ אין אַ רעגן.

אַוועק איז פֿון ימים־נוראים דער שאָטן,
דער משאַד פֿון צעשמאָלצענע ליכט און פּיוטים;
אַ דריבנינקע שנייעלע הייבט אָן צו שאָטן,
אַ יוינגל מיט פֿראָסט טוט פֿון פֿעלדער אַן אָטעם.

חול־מועדיקע כלות אַהיים זיך צעפֿאָרן
און טעלער ביי דעם אָדער יענעם געבראָכן;
דאָס לעבן ווי אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן
מיט גרויקייט באַמלבושט אין מאַרק איז פֿאַרקראָכן.

דער פֿויער אין שטעטל הייבט אָן זיך באַווייזן
מיט האָלץ און קאַרטאָפֿל, אַ זעקל מיט תבואה;
עס זשויבן די קלייטן פֿון לעדער און אייזן
און איינער ביים אַנדערן האַנדלט מציאות.

ווי אַלעמאָל שטעלן זיך גרויסע יאַרידן,
געדריאַנג און געפילדער, פון סערמינגעס שוויבלט.
ער בריען די דלאָניעס ביי גויים און יידן,
ביי דינגען אַ פעלץ, אַ קאַשקעט, אַ פּאָר שטיוול,

אַ האַוקען, אַ הירזשען, אַ מעקען און ריטשען,
פאַריאַכמערטע לויפט מען פון איינעם צום צווייטן,
ציִשדיגענע גענדז און חזירימלעך קוויטשען,
עס זוכט אַ ציגיינער זיין פערד אויסצובייטן.

ביי ליפען אין קוזניע זיך נישט צו דערשלאָגן,
עס זעצן די האַמערס, דער בלאָז-זאַק פאַרסאָפּעט;
מען פעסטיקט אַן אַקס, אָדער ראָד צו אַ וואָגן,
מען קאָוועט דעם באָרוועסן פיס פון אַ שקאַפּע.

ביי נאָטען אין שענק, נישט קיין שענק נאָר אַ בינשטאָק,
פון בראָנפן אַ טשאַד און פון הערינג שיריים;
מען זיצט אויף די טרעפּ, און אפילו אין רינשטאָק,
מען קייט „פּאַלעניצעס“, מען מאַכט אַ לחיים.

II

מיט זאַלין און מיט סמאָלע, מיט גאַזע אַ קענדל,
אויף שליאַכן עס יאָגן זיך פורלעך אַריבער;
די זון אויפן ראַנד ווי אַן אָנגעגליט רענדל,
דעם פּדיון פון טאָג אינעם שטעטל בלייבט איבער.

און הייזעריק גאָרגלען זיך שיכורע וועגן,
פון לאַפּטשעס און רעדער די בלאָטע צעריעט.
פאַרשטילט זיך דער מאַרק ערב נאַכט אָפּגעלעגן
מיט פערדישן מיסט און מיט קרענקלעכער שקיעה.

צעצונדענע פענצטער, די קלייטן אויף שלעסער,
איז ווער מיט אַ פערד און ווער מיט אַ קריידל —

געלויבט דעם באַשעפער, צי ערגער צי בעסער,
פּרנסה, נו יאָ, עס וואַקסט אונטער אַ מיידל.

איז עפּעס נישט גלאַטיק מיט די בעלי־עגלות —
נישט אַנדערש, מען זאָל אויפן פּוד זיי דערלייגן:
„מאַשין איז מאַשין, און אַ פערד בלויז אַ פערד איז,
דערצו נאָך אין „ראַשטשינע" שטייען די וועגן".

אין שולעכל אויף דער אסיפה אַנומלט
גערעדט האָבן בייטש־לייט פון היימישע קרעמער.
איז האָט זיך עס האַרטן אַ ביסל געטומלט,
ווי האַמערס געזעצט האָבן פויסטן אין ב'לעמער.

אַ לעבן אויף מיילן און ווערסטן צערעדלט,
האָט פּאָלע, דער האַריקער הויכער ציגיינער —
אָ, אָ, ווי ער האָט עס געפּאַקט און געמאָזלט —
נישט איינמאָל געהאַט שוין דאָס פלייש אין די ציינער,

און איצט, אין פּאַרזומפּיקטן אָסיען אין מיטן,
אויף בידנע בעלי־חיים די משׂא צו לייגן,
אַז שווער איז דער וואָגן און ווייט נאָך צום שליטן,
אַ פיש איז אַ פיש, און דערפאַר מוז ער שווייגן.

עס דינט נאָך ביי אים אי די צונג, אי די פּלייצע,
און ווערטער געפּעפּערטע זענען נישט טריפה:
„זיי זאָגן: — מיר וועלן זיך געבן אַן עצה? —
אַז קומען אויף אַלע פון זיי זאָל אַ שׂרפה!"

נישט אַנדערש, נאָר אָפּאַרבעטן זאָל איך די חובות,
ביי זיי איז פאַרשריבן, נאָר איך האָב פאַרגעסן;
איז גיי זיי אַ חכם, געפין דאָ דעם אמת,
סייהן אין כעלעם ביי דער שול אין אַ פּעסל.

נו, וואָס זאָל איך טאָן, נישט געגאַנגען אין שקאָלע —
קיין צייט נישט געווען אויף אַזעלכע זאַכן.
איז טרייסל אַ סוחר, און איך בעל־עגלה,
און שלעפּ זי, די בידע, אַרום אויף די שליאַכן.

איז זיצט־זשע, רב פאָלע, אַ גלעזעלע משקה,
„צי העלפן אַ ייד איז דען עפּעס פאַראַנען?“
נו, איז דען נישט גערעכט, זאָל געזונט זיין, מיין כּאַשקע —
מען דאַרף אויפן אָרט פונעם גניאַדן מיך שפּאַנען?

אַמאָל האָבן חברה־לייט דווקא פון „יענע“
דעם נאָמען געלערנט מיך אונטערצושרייבן,
נאָר ס׳קאָן נישט דער קאָפּ ווי אַ דייזשע פאַרנעמען,
און מער ווי אַ ווינט וועט אין אים נישט פאַרבלייבן.

אַ רעדל אָן שפּריכעס — אַ „סמך“ זאָל הייסן,
אַן אָרטשיק — אַ „זין“, אַ בייטשל — אַ „למד“.
נאָר לוינט איבער דעם זיך דעם ספּאָדיק צערייסן?
דאָס לעבן אַליין איז דער בעסטער מלמד.

דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס אין חובות פאַרבאָרן,
כּאָטש ריים פון מזבח און זע אָפּצוגעבן.
מיט קלייטניקעס ווידער ביים רב זיך צו לאָדן —
משיחן וועלן זיי פריער דערלעבן.

ווייל אויסהערן וועט דיך דער דיין רב גרונם,
אוודאי וועט ער קיין עולם־הבא נישט קאַרגן,
נאָר איך דאַרף אַ ברויט, אויפן הינטן תחתונים,
און זאָל ער זיך דאָרט מיטן שור־הבר וואַרגן.

ווי לייִדיקע פעסער געקייקלט אויף שטיינער,
צעברומט זיך דאָס קול פון יהודה דעם געלן:
„וואָס פאַרמאָגט אַ נאַש־בראַט, נאָר די הענט זענען זיינע,
און אַ טאָג צו דער וואָך וועט אים שטענדיק פאַרפעלן;

עס וואַקסט נישט קיין האָבער ביי מיר אויפֿן בוידעם,
דער קאָוואַל אומזיסט וועט נישט קאָוועָן קיין וואָגן;
דעם רימער, צום נעכטיקן טאָג כּאַטשבי לאָר אים —
אחוץ זיינע הענט, האָט ער אויך אַ מאָגן.

עס פּאַסט זיי נישט רעדן מיט יידן פּראָסטאַקעס,
אַזוי ווי זיי וואָלטן פֿון אַנדערשוו שטאַמען.
קיין איינער נישט בעסער. זאָל אַלע צוזאַמען
אַ רוח אין טאַטן פֿאַרבראָקט מיט דער מאַמען!"

מען זאָגט, אַז זיי האָבן מעשטשאַנעס געדונגען,
וואָס טרחהנען וועלן זיי איינער פֿאַר דרייען.
די יידן? „מ'קאָן זיי, חלילה, נישט צווינגען".
אוודאי וועט אויסקומען שטיינער צו קייען —

מעשטשאַנעס — זיי ליגן נאָך גוט אין זכרון —
די לאָנקע פֿאַרכאַפּן געוואָלט ביי די יידן,
נישט דערלאָזט צו דעם שטעטל קיין פֿויער דערפֿאַרן,
איז פּוסטעווען קראָמען און פּוסטע יאַריդן...

געהערט צו אַ פּריץ אַמאָל האָט די געגנט,
אַ הולטײַ — אַליין אין פּאַריז פֿלעגט ער זיצן,
ער האָט עס צום שטעטל די לאָנקע געגעבן,
נאָר גאָרנישט — עס מעג אים די ביינער צעשמיצן...

אַהין פֿלעגט אַ ייד זיין בהמה פֿאַרטרייבן,
און שבת געדרימלט אין רחבות פֿון גראָז,
און אָפֿטער איז נעכטיקן דאָרטן פֿאַרבליבן
אַ פֿערד, אין פּענטעס אויף גאָצלעג געלאָזן.

אַמאָל, אונטער ביימער פֿאַרגליווערטע שאָטנס,
מיט שטילקייט באַהויכט, איז אַ סוד איינגעשלאָפֿן,
געאָטעמט אַ קוסט האָט מיט עמעצנס אָטעם,
די פֿייל פֿון „אַמאָר" אין אַ האַרץ האָט געטראָפֿן...

און היי אויפן ווינטער, טשערעט אויף שבועות,
און סכך פאַר דער סוכּה צו דעקן אויף חידוש;
א יונגע בערעזקע — אַ יידישע צנועה —
עס רעדט אין די זומפּן דאָס ווילדוואַרג אויף יידיש.

און איינמאָל אַ זומער, שוין טונקל געוואָרן,
אין שטעטל די טשערעדע צריק נישט געקומען,
פאַרקראָכן אויף שאָדן אין גויאישן קאָרן, —
איז האָט מען אין ערגעץ אַ דאָרף זי פאַרנומען.

אַ נס וואָס אין שטאָט איז פאַראַן בעלי־עגלות,
צעוואָקסענע יידן מיט פּנימער אָפּן.
„וואָס קאָן מען זיך העלפן, אַז גלות איז גלות,
נאָר מילא, מען וועט שוין די זאַך נישט פאַרשלאָפן...“

און חברה פורמאַנעס מיט שווערע ידים,
ווי נאָר אויף אַ קוימען פון זריחה אַ צוויקל, —
די תּפילין אָפּגעוויקלט, געמאַכט אַ לחיים,
די לענדן געגורט, און צום הילצערנעם בריקל...

פון יענער זייט בריקל נישט איבערצוציילן,
די פעלדער פון ביידע זייט וועגן פאַרנומען;
געקומען אַפילו דער פּאָפּ מיטן צלם
און „חשובע געסט“ זענען דעמלט געקומען.

צעשטויבט זיך דער שליאַך אין געדראַנג און געווימל,
אָט וועט מען דאָס שטעטל אויף שפּענער צעטראָגן.
איז דאָ, ברוך־השם, נאָך אַ גאָט אויפן הימל,
א זשערדע אין פלויט, און אַן אָרטשיק אין וואָגן...

און פויסטן און דריקעס אין לופטן צעפּאָכעט
„אין נאָמען פון גאָט און דער הייליקער מאַמען!“
נאָר אָט רינט שוין פון איינעם, א צווייטן די יוכע,
אַ קנויל הייבט אָן ווערן פון אַלע צוזאַמען — — —

און אַלע צוזאַמען, צעפלויגן ווי קראָען,
דורך פעלד און דורך זומפ איבער פלויטן אריבער,
און פאָלע, א בערדיקער ריז חשמונאי,
און איצע זיין זונדל, אַ שמשון הגיבור.

און היינט, ווען ער זעט פון די זעלבע מעשטשאַנעס
צו אשר דעם רויטן פארפאָרן אַ וואָגן,
דערפילט ער, ער ווערט דורך זיינע אייגענע כוחות
אין נאָמען פון דעם, אָדער יענעם געשלאָגן.

ראָטנע

I

דיינע אויסגעקרימטע געסלעך, ראָטנע,
צונויפגעדרענגט משפּחהדיק אינאיינעם,
מאָלן זיך מיט כישופדיקע פאַרבן
אויף לייוונטן פון דמיון מיינעם.

די היימישע טאָפּאָלע
פון מיינע פריע יאָרן
אויסגעוואָרצלט האָט די צייט פון דאָרטן
און איינגעפלאַנצט אין פעלד פון מיין זכרון.

מיר ווייזט זיך אויס — איך זיץ אין אירע צווייגן
און וויל אַ פויגל־נעסט דערלאַנגען;
מיט שטרוי־געדעקטן דאַך מיין שטוב אַנטקעגן,
ס׳גליען רחבותדיקע זון־פאַרגאַנגען.

אויפן פּריפּעט כמאַרעדיקע דראַליעס,
זייערע לענגען מיט א שיפל איך צערודער.

לייזדיקייטן ביז די ראנדן גרייכן
אין דעם פרייען בליק פון מיינע אויגן,
און ווי מיט א מאָלער־האַנט געצייכנט
ליגן הימלען ביי דער ערד געבויגן.

גרינע שטילקייט אויסגעברייטערט,
קווייטן פֿאַרבן זיך אויף פּייכטע לאָנען.
שטייגן וואָכן־טרעפּ אויף יאָרן־לייטערס
צו אַ וועלט, וואָס ערגעץ איז פֿאַראַנען.

שווימט דער טייך אין שטעטלס מיטן
און ווי אַ בריקל אים צעטיילט אויף צווייען;
כ'וואַרף אַריין אַ שטיין אין זיינע טיפֿן,
נעמען רעדלעך זיך אין רעדער דרייען.

נעמט מיין פּנים זיך פֿון דאָרט באַווייזן,
ווי אין אַ געפּלאַצטן גרויען שפּיגל;
שוואַלבן פֿינטלען איבער מיר אין קרייזן,
פֿאַלמעסן דאָס וואַסער מיט די פֿליגל.

מיט מאַראַנצן שמעקט די געלע וויקע,
אויפֿן קאָרן רוט אַ מידעס ווינטל;
איבער האָניק־ריחות פֿון דער גריקע
סאַמעטענע בינען טונקלען.

ווי אַ חופּה־טוך באַדעקט דער הימל,
שטוב מיט שטוב אין זיך אַריינגעקייטלט;
דרייט זיך ווי אַ כּלה אַרום חתן
זיבן מאָל די וואָך אַרום דעם שטעטל.

קומען זומער־נעכט מיט ווייכן שאָטן
און טיפֿן זיך אַריין אין בלוטן יונגע;
בליען טרוימען, און אויף שטערן־נאָטן
קוסטעס הייבן אָן פֿון ליבע זינגען...

קומען ווינטער־נעכט אין פּעלצן גרויע,
שפּילט אַ ווינט אויף טעלעגראַפֿן־סטרונעס,
גרינען אין די הימלען טונקל־בלויע
שטאַר־פֿאַרפֿרוירענע לבנות.

שפּיציקט זיך אַ בוים אַרויף אויף שויבן,
פּוכקע פליטערלעך אין מאַרק זיך לייגן;
שלייסט מען פעדערן אונטער אויוונס,
שרייען גענדז אין די פאַרמאַכטע שטייגן.

וואַקסן מיידלעך ווי די בלומען, —
בעטגעוואַנט מען דאַרף זיי געבן.
גייען טעג, עס וועט דער יום־טוב קומען,
טעפּ מיט שמאַלץ וועט זיין, מען זאָל דערלעבן.

II

פייערלעך אין פענצטער אויפגעבליצטע,
גרייפּעלעך אין זייער שיין זיך דרייען;
אין מיטן מאַרק דעם אויסגעפּוצטן
שלאָפט די נאַכט אין בעטגעוואַנט פון שנייען.

יאָגן פעלדער זיך אויך מיט שליטנס,
מיט געפילדער גלעקל־קלאַנגען;
בלייבט דאָס שטעטל אינעם ווייסן מיטן,
דעכער מיט קריסטאַל ארומגעהאַנגען.

בעלי־עגלות גרייטן פערד־און־וואָגן,
ביי די פייערטעפּ די קרעמער;
אין מיטן טייך ביי אַ פּלאָנקע אויסגעשלאָגן
שעפּט לבנה־ליכט דער וואַסערטרעגער,

און שלעפּט זיך באַרג־אַרויף מיט זיינע עמער,
גלייך ווי גאָרנישט וואָלט געטראָפן;
שטעטל פון מיין ערשטן מאָרגן־דעמער,
מיר דאַכט, איך האָב אַ נאַכט דיך בלויז פאַרשלאָפן.

די צייט מישט בלאַט נאָך בלאַט אַריבער
אין טרויער־בוך פון מיינע יאָרן;
ליגט מיין שטעטל ראַטנע אין די גריבער
און וויטיקט לעבעדיק אין מיין זכרון.

מײַן ערשטער געשרײ

I

װען די װעלט האָט מײַן ערשטן געשרײ דערהערט,
איז קײן שטערן אין הימל נישט אױפֿגעגאַנגען,
און װי נאָר כ׳האָב א טריט געשטעלט אױף דער ערד,
איז מיר באַלד אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען.

װען צום ערשטן מאָל האָט מײַן זון געשײַנט,
א מאָרגן פֿאַרצײכנט, אן אײנציקן נעכטן,
האָב איך געװײנט און נישט פֿאַרשטאַנען דעם זין פֿון געװײן,
געלאַכט, און נישט באַנומען דעם מײַן פֿון געלעכטער.

דער דאַך פֿון מײַן הײם מיט שטרױ געדעקט,
ביז די פֿענצטער אָנגעבױגן.
די זריחה אין זײ פֿון שלאָף מיך װעקט,
די זון עפֿנט אױף מײַנע אױגן.

די כװאַליע פֿון פּריפּעט — מײַן װיג —
מיט ליליעס מײַן קינדהײט פֿאַרשפּינען;
דאָס גרין פֿון א גרעזל געװען איז גענוג
מײַן געמיט צו באַגרינען.

אין װײַכן געצװײַג פֿון אַ װערבענעם בױם
בױגנס און פֿײפֿלעך געשניטן;
אמאָל אױף אַ װאָלקן — א לײב אינעם רױם —
אַנטקעגן פֿאַרנאַכטיקן פֿײַער געריטן...

דער רויש פון טייך, דער ווינט אין פעלד
האָבן מיין לשון פאַרשטאַנען;
אַמאָל טראָגט זיך אָן, ווי פון יענער וועלט,
א ווייטער געפייף פון באַנען.

ווי פריידיק עס האָט מיין באַפליגלטער בליק
געפלאַטערט אין קרייזן פון טויבן;
די וואלדיקע שטילקייט, אַ בוים=פיקער פיקט,
א שוואָם האָט דעם מאָך אויפגעהויבן.

מעת=לעתן אויף שפּיץ פינגער ציען זיך שטיל,
א האַרבסט ווערט פאַרוועלקט, א פרילינג דערצייטיקט;
אַליין נישט צו וויסן איך קרייז אין דער שפּיל
פון נעכטנס, ווו היינטן געהיינטיקט.

די שיין פון באַגינען א שקיעה דעריאָגט,
אויף וועגן אַ סך מיינע טריט איינגעקנאָטן,
איך האָב נישט געפילט, אַז מיט יעדן טאָג
אַלץ גרעסער צעוואַקסט זיך מיין שאָטן.

II

פון יענער זייט יאָרן אַ גרויע וואַנט,
אַ מלאך אויף איר וואַרפט אין סידור אַ גראָשן;
אַ שווארצע רצועה פאַרוויקלט מיין האַנט,
ביי פייגל אין וואַלד אָפּגענומען דאָס לשון...

דער טייך שווימט אין טיפע תהומות אראָפּ,
די רחבות אַרום איינגעשרומפּענער, קלענער;
עס ראָיען ווי ווערעם געדאַנקען אין קאָפּ,
מיין וועלט איז באַשאָטנט מיט פּחד פון יענער.

דער עולם הדמיון — א פּרוזדור. צום סוף
איז ווער א בעל=זוכה. דער שכר פון גן=עדן

אין לופטן נישט איינמאָל געשוועבט האָט אין שלאָף
מיט „גוטע מלאכים" און שדים.

היינט וויפל מאָל פאַרן טראַכטן בסוד
אין פנקס מיין פינגער א חטא האָט פאַרשריבן.
עד־כאן איז די גרענעץ און וויטער קיין טראָט,
ווייל שטרענג איז דאָס דראָטענע בערדל פון רבין.

פון „ביצה שנולדה" איז מערער מיר ליב
אין נעסטן פון פייגל די אייעלעך קלויבן;
אויף דאָרפישע וועגן פון בענקשאַפט אַ ליד,
אַנטקעגן דעם הימל די ווייסקייט פון טויבן.

אַלץ מיר אַרום איז געהילט אין א סוד,
וואָס משיג זיין קאָן נישט דער שכל;
פאַראַן איז אַ זאַך, וואָס גרעסער פון גאָט
און העכער פון זיבעטן הימל.

און אפשר, ווער ווייסט, איז א סוד איך אַליין,
אין מענטשלעך געשטאַלט אויסבאַהאַלטן,
און טויזנטער מאָל שוין געווען, נישט געווען,
געביטן אומצייליקע מאָל די געשטאַלטן? —

געדאַנק נאָך געדאַנק אין שווייגן פאַרשטיינט,
אייגן דערוואַכן, זיך ווידער צו שליסן;
די נעכטנס זיך לייגן צעקאָפּנס פון היינט,
די היינטן מיט שאָטנס די מאָרגנס באַגריסן.

III

בערגלעך געשטויסענע קאָרע,
ריטשקעלעך רויטע פריען,
שנוקעס צעברוקעטע שמאָרען,
די ערד הינטער פלויטן צערוען.

פאַרקאַלעכטע טעג מײַנע ליגן
אין בעטן צוזאַמען מיט לעדער;
בײַנאַכט נעמען װינטעלעך װיגן
מײַן טרוים איבער פעלדער און סעדער.

די שעהן, װי צװײַגן פאַרדאַרטע,
אויף בוים פון מעת־לעתן שטאַרבן;
איך קוק אויף די הענט מײַנע האַרטע, —
איך בין װי מײַן טאַטע אַ גאַרבער.

די טעג װי פעל אָפּגעקראָכן,
אויף גרינע שטאַכעטן צעהאָנגען;
אַרום מיר איז אינדערװאָכן,
נאָר פול איז דאָס האַרץ מיט געזאַנגען.

אין שקיעה פאַרטונקלטע פלאַמען
דערברענען די שטילע פאַרנאַכטן;
פון װעלטן אויף יענער זײַט ימען
איך טראַכט, כאָטש עס װילט זיך נישט טראַכטן.

לבנהדיק װאָלקנדלעך ברענען,
דער הימל באַשרײַבן מיט שטערן.
צי װעל איך דאָרט מײַנעם דערקענען —
און אפשר גאָר דאַרף ער איצט װערן?

אַ קראָ טוט אַ ריר מיט די פליגל,
אויפן ברונעם עס שװאַרצט זיך דער עמער;
מײַן לעצטן געדאַנק נעמט פאַרװיגן
א פלעמעלע רויטס פונעם צימער.

אינהאַלט;

	זייט
* * *	5
די פאַרברענטע טויב	6
„שובי, שובי השולמית“	7
אמאָל	9
ווען דו קומסט	10
מיין יידיש לשון	11
די שפּראַך פון דיינע אויגן	12
באַגינען	14
מיטן טאָג	15
אָוונט	16
אין פלאָנטער פון וועלט	17
ריף פון מיינע ריפּן	18
כ'בין פאַרליבט געווען	19
באַנטשע	20
„ביים גוסס צוקאָפּנס“	21
בינען	22
ביים ראַנד	23
די בלום	24
ווינטן	25
לאָז מיך נישט אַליין	26
די קליאַטשע	27
בנימין	29
מיין שטערן	31
דאָס ווינטל	32
איך גלויב	33
צום בוים	34
דעם שמעטערלינגס טויט	35
ס'וועט געשען אמאָל	36
אַ שטיין	37
„אויב נישט נאָך העכער“	39
דיין מאָניש	41
בדחן	43
אזוי שווין ציט זיך די מגילה ווייטער	45
* * *	46.
אָוונטיקער וואַלד	47
פאַרוועלקטער דעמב	49
מיכל דער בלינדער פידלער	51
גיטל, שוועסטער מיינע!	53
די אויגן־לעפלעך פון דער וועלט	54
נישט אַלץ מוז האָבן אַ סוף	56
דער ניגון	58
דאָס יידישע וואָרט פון דיין מויל	60
קום צו גיין	62
עמעצער שרייט	63
אַ בוים ביים ברעג פון ים	64
לעש נישט אויס פאַר פרי דאָס פייער	66
דערלאַנג דיין האַנט	67
באַשעפער אומבאַוווסטער	68
ווי זאָל איך זיך דערוויסן	69
ווער איז דער שאָטן	70
„פאַרגעבונג“	71
דיין בליק	73
אויף יענער זייט טאָג	74
די נאַטור	75
דערציילט	76
אין קנויל פון געדאַנקען	78
אַ בלומען־קראַנץ	79
גולמדיקער ריז	81
דער בלינדער	82
די בלום	83
פרילינג	84
דער וואָלף	85
אַ פאַסטעך בין איך	86
די פאַרגאַנגענע זון	87
אָט איז דער טאָג	88

זייט

גאָרנישט 89
באַפליגלטער מישורר 90
דער שמידער פון הימל 91
כ'האָב אויפגעכאַפּט דיין בליק . 92
ביינאַנד 93
קלויסטער=מאָנאַכן 94
העלדין מיינע 95
שאָטן 96
דער מענטש 97
עס טרעפט 98
אויף טונקעלע וועגן 99
ווילנדיק 100
דער שאָטן פון מיין זיידן . . 101
ווינטער=פּיזאַזש 103
טויטע שטאָט 104
ווי אַ קראַנקן=שוועסטער . . . 106
הייב נישט אויף דעם מידן . . 107
אַלץ האָט אַ זין 108
דריי אשמורות פון נאַכט . . . 109
נישט איך בין עס 111
טויזנטער פאַרוואָסן 112
צום מוילוורף 113
עולם=הזהניצע וועלט 114
מיין תומרדיק ליד 115
פאַרחימלטער וואַלד 116
גאָרנישט 117
דער אַפּאָסטאָל 118
אין חלום 120
וואַלד 122
קיינמאָל נישט באַגעגנטער . . . 123
שקיעה 124
מיט לאָגלען דורשט 125

זייט

וועלט=געזאַלבטער 126
צום פויגל 127
אָדלער 128
כ'קען דיך נישט 129
דער שאַרפסטער געטראַנק . . . 130
אַ גאָט אויף דער עלטער . . . 131
דער ווינט 132
פאַרליבט געווען אין דיר . . . 133
ריף פון מיינע ריפּן 134
ווי דו זאָלסט נישט זיין . . . 135
אַ חלום 136
מיין ייִדיש קינד 137
יעקב צו רחלען 138
אויף די פעלדער
פון אָשוויענטשים 139
אַ טויטער בוים 142
ווען דו זאָלסט 144
דער רעדנער 145
פאַרלאָשן ליכט 146
בלעם 147
טרוימען 149
ווינט=געזאַנג 151
וואַנדערער אין מיר 152
* * * 154

פּאָעמעס

פייוול דער שוסטער 157
אַלטע ערד פון יונגן ווייסל=לאַנד 168
אויף יענער זייט נעכטן 173
איצע חודש 177
ראָטנע 184
מיין ערשטער געשריי 187